Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

הײנט 16 זײטען

נייער פאלקסבלאט

№ 141	Łódź, Piątek, 19 czerwca 1931 r.	נײנטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג ד׳ תמוז תרצ״א	№ 141

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

ארב.-געז. פאר פיזישער דערציהונג „מארגענשטערן" אין פוילען, אפטיילונג אין לאדזש

ספארט-פלאץ

מארגען, שבת, דעם 20-טען יוני, 3 נאכמיטאג קומט פאר אויפ׳ן ספארט-פלאץ „העלענאוו" — א גראנדיעזער

העלענאוו

אלימפיאדע-טורן-פעסט פון „מארגנשטערן"

אין פראגראם: אויפמארש פון 300 ספארטלער ∴ אלגעמיינע פרייע איבונגען

אלימפיאדע-איבונגען פון פרויען און מענער

איבונגען מיט פלאשען ∴ ספארט-טענץ ∴ איבונגען אויף מכשירים

ספארט-שפילען ∴ פיראמידען ∴ האנד-באל-מעטש א. אז. וו.

די איבונגען ווערען אנגעפיהרט דורך דער אינסטרוקטארען-קאמיסיע ביים

◆◆ לאדזשער „מארגנשטערן" ◆◆

בעגלייט פון בלאז-ארקעסטער ביי „קולטור-ליגע"

פרייזן פון בילעטען פון 50 גר. ביז 2.50. בילעטען צו בעקומען אין קאנצעלאריע פון „מארגענשטערן" בזשעזשינער 23 און מארגען שבת ביי דער קאסע פון ספארט-פלאץ

◆◆ פארק ◆◆

העלענאוו

זונטאג, דער 21-טען יוני, 3 א זייגער נאכמיטאג

— קומט פאר לטובת דער —

נאכט-פאגאטאוויע „לינת הצדק"

נאכט-פאגאטאוויע

לינת הצדק

א גראנדיעזע גארטען-פערוויילונג

פערבונדען מיט א גאנצער רייה איבערראשענדע אטראקציעס

פאנטאווע לאטעריע (מוזיקאנטן־ און הערב־פולע פאנטעז) — | 2 ארקעסטערס | אייגענער כשר׳ער בופעט

גליק-ראד ✓ עלעקטרישע אילומינאציע ✓ בלומען-שלאכט ✓ פייערווערק ✓ ניאגארא-וואסער-פאל

איינגאנג 1.50 זל. שול-יוגענד 50 גר.

יודען! בעפאר איהר פאהרט אויף זומער-וואוינונג בעזוכט דעם

ארץ-ישראל-באזאר

דארט קאנט איהר בעקומען: האניג פון אראנזשען, אקאליפטוס, באקס, שמן זית-זך (אליווען-אייל) מאנדלען, ראזינקעס, סעצאמקעס, קאנפיטורען א. ז. וו.

א גרויסער אויסוואהל פון „בצלאל"-קונסט-בילדער, פלאטין און זילבער-אויסארבייטונגען.

קומט און זעהט די ארבייט פון אונזערע ברידער אין ארץ-ישראל.

אפען פון 10 פריה ביז 10 אווענד.

דאנקזאגונג.

א הערצליכען דאנק דריקט אויס די פערוואלטונג פון

„בית-לחם"

די געעהרטע דאמען און הערן ווי אויך דער יוגענד, וועלכע האבען אנטיילגענומען אינ׳ם בלומעל-טאג דעם 16-טען יוני ה. י.

די פערוואלטונג.

מודעה לאפרושי מאיסורא

די יאטקעס

פון יעקל גערשט, גענשא 2 און איציק גערשט, ראדאגאשטשער שאסע זגערסקא 41

האבען נישט קיין שום נאמנות אויף כשרות,

קען מען ביי זיי נישט קויפען פלייש אלס כשר.

לאדזער ראבינאט.

יין כשר

אויב איהר האט נאך נישט געטרונקען דעם בעוואוסטען ראזינען-ווייך „פראגרעס" № 7

דאן איבערצייגט אייך, אז איהר בערויבט אייך און אייער פאמיליע הנאה צו האבען פון גוטען וויין, וואס קאסט זעהר ביליג.

צוליב רעקלאמע פערקויפען מיר א פלאש פון א ¼ ליטער גוטען ראזינען-ווייך ב׳ 7 נאר 65 גראשען

א באטשינקע דעם זעלבען נומער 1.50 זל. ● א קווארט 2 זל.

אלע סארטען וויינען פון דער פירמע „פראגרעס" איז צו בעקומען ביי ה. בלאנקעט, גלובנא 69 אין וויינ-געשעפט

לעדיגע פלעשען צאהלען מיר 5 גר. פאר ¼ ליטערדיגע, צו 10 גר. פאר באטשינקעס און קווארטעס. מיט אכטונג

וויין- און מעהד-פאבריק פירמע „פראגרעס" אלטער מארק 2, טעל 184-82

CIECHOCINEK

וולאצלאווסקא-גאס

ווילא „Wiktorja"

Dr. med. W. Łaski

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

נעמט אן פון 1-טען יוני, 1931

Dr. MED. H. LUBICZ

ספ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנק.

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 142-15

עמפפאנגס-שעה׳ן 8–10, 2–12, און 5–8, זונטאג און יו״ט 9–1, פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל.

בלומען-טאג

זונטאג, דעם 21 יוני וועט אויף די גאסען אין לאדז געוואמעלט ווערען שפענדונגען, לטובת דעם

„וואנגעלישען יתומים-הויז"

וואס געפינט זיך אויף דער פולנאצנא-גאס 40. דאס יודישע פובליקום ווערט געבעטען צו שפענדען פאר דעם נויטווענדיגע זאך.

מיט אכטונג די פערוואלטונג

אכטונג, לעטניקעס!

פערשפארט צייט און מאטערניש אויף די באהנען, ווען איהר האט אלע האלבע שעה

בעקוועמע לוקסוס-אויטאבוסן

וואס געהען אפ פון ווידזעוו דירעקט אויף ווישניאווא - גורא.

שטעלט זיך אפ אויף יעדער שטעל לויט פערלאנג.

פרייז נאר 1 זל.

עס קורסירען 18 לוקסוס-אויטאבוסען — העפליכע בעדינונג

מיט אכטונג Brzezińska Sp. Samochodowa

סטאציע ווידזעוו ביי דער בריק

Do głębi wzruszony zgonem

B.P. Emanuela Hamburskiego

składa tą drogą Wydawnictwu „Lodzer Tageblat"

i pozostałej Rodzinie serdeczne współczucie

3528 Z. ZYLBERBERG

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Południowa 86.

בית ספר עברי
„יבנה"
41 ציגעל-גאַס 41 (פריהער 75) טעל. 134-13
די ליטונג פון דער שולע מעלדעט, אַז איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען ווי אויך אין די פּרעבעל-שולע אין A° ווערען אָנגענומען פון מאָרגען 1-טען יוני אָן. די קאַנצעלאַריע פון דער שולע איז טעטיג פון 8 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

שניידער-מייסטער, געזעלען און כאַלופּניקעס!
ווילט איהר אייער עקזיסטענץ פערזיכערן און אייער עקאָנאָמישע לאַגע פערבעסערן, טאָ קומט אייך פערשרייבען אויף די פּראַקטישע צושניידער-קורסען פאַר הערן-און דאַמען-בעקליידונג ביי דעם פּראַקטישען צושניידער
א. אורמאַן, לאָדז, זשעלאַזנאַ 10a, וואו איהר וועט גריגדליך ערלערנען די צושניידער-קונסט. פאַר גרופּען פון פּראָפ. פעראיינען 25% ביליגער.
נוצט אויס די געלעגענהייט! פּראָספּעקטען אומזיסט.
מיט אכטונג
א. אורמאַן, לאָדז, זשעלאַזנאַ 10a. 3542

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט דער ג. קונדשאַפט, אַז פון היינטיגען טאָג אָן איז אין מיין רעסטאָראַן דער פּרייז פון
אַנשטאַדט'ס, פּילזנער ביר
א גלאָז 0.20 15 גראָשען
„ „ 0.25 20 גר.
מיט אכטונג
אלי מרדכי סאַוויצקי
רעסטאָראַן-אינהאַבער
21 בזשעזשינער 21. 3499

Dr. med. J. BETTE
ספּעציאַל-ארצט פאַר אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
Piotrkowska 6, telef. 148-95
נעהמט אָן פון 8–11 פריה און פון 4–6 נאָכמ.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראָלאָג
ספּעציאַל-ארצט פאַר נירן, בלאָז און אורין-קראַנקה.
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אָן פון 4–7 אָוונד.

Dr. Z. Rakowski
פאַר אוירען-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטע
9 קאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 127-81
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעמפּניצע וגערושער 17 פון 10 — 11 און פון 3—5

לעהרעריז
גוטע פּעדאַגאָגין ערטיילט אונטעריכט פאַר ערוואַקסענע אין פּוילישע יודישע און דייטשע שפּראַכן צו ביליגע פּרייזען
לאַסמאַן בזשעזינער 5

צו די ה״ה גנבים!
זונטאָג, ד. 14 ד. ח. האָט מען מיר אַרויסגעגנב'עט אַ פּאָרטמאָנעט מיט 70 זל. מזומן און 3 וועקסלען צו 100 זל יעדער, אויך איז געלעגען אַ מיליטער-ביכעל אויפן נאָמען פון יאַקוב ראַגאַווי. די וועקסלען זענען ערקלערט פאַר אומגילטיג. איך בעט די ה' גנבים די וועקסלען און דאָס מיליטער-ביכעל, וואָס האָבען פאַר קיינעם קיין ווערט נישט מיר אָבצושיקען געגען בעלוינונג פּיעטריקאָווער 109. צו ראַגאַווי. 8898

מזל טוב XXV מזל טוב
צו דער זילבערנער חתונה פון אונזערע ג' פריינד
רבקה און ישראל'קע ראָזענבלום
ווינשען מיר זיי אַ הערצליכען מזל-טוב און, אַז זיי זאָלען זוכה זיין צו פייערן זייער גאָלדענע האָכצייט אין גליק און צופרידענהייט.
פעליאַ און מרדכי טאַגעליכט.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ווערטען פריינד און קאָלעגע
ה' סענדער חאַכאַטשעווסקי
מיט פרל. אירקא באַרנשטיין
ווינשען מיר, אַז אייער נייער לעבענס-וועג זאָל מיט רויזען בעשיט זיין.
דוד זשעלאַנקא

צו דער חתונה פון אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
ה' פישל קראַסהאַרן
מיט פרל. שבע פרידענבערג
ווינשען מיר אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ גליקליך צוזאַמענלעבען.
ח. י. קראַסהאַרן און פרוי

מזל-טוב
אונזער ליבע טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין פרל.
איטקע באַרנשטיין
צו איהרע תנאים מיט
ה' סנדר סאַכאַטשעווסקי
ווינשען מיר אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט. זאָל אייער נייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעשיט זיין.
עלטערן עמנואל באַרנשטיין און פרוי
ברידער: פייוול באַרנשטיין און פרוי
הערש „ „ „
משה „ „
יאַקוב „ און כלה
וואָלף באַרנשטיין

אַ האַרציגען מזל-טוב אונזער מיטגליד פון רעווידיר-קאָמיסיע
ה' זילבערשטיין
יחיאל און פרוי
צום געבורט פון אייער ניי-געבוירען
זוהנדעלע
פערוואַלטונג פון קירזשנער-צעך
אין לאָדז, זאַוואַדזקאַ 4

אויפפאָדערונג.
אזוי ווי איך האָב נאָך ה' יצחק קימעל-מאַן, פּיעטריקאָווער 18, געשיקט צום ד״ת 2 מאָל פון הרב סג״ל און 3 מאָל פון ראַבינאַט און ער וויל נישט קומען, פאָדער איך איהם אויף צום 6-טען מאָל צום ראַבינאַט אויף זונטאָג, דעם 21-טען יוני 8 אָוונט, אין געגענפאַל נעם איך פון מיר אַראָפּ יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט.
דוד שאַלדאַיעווסקי, גלובנאַ 42

די יעניגע, וועלכע ס'קומט געלד פון דער פירמע
ה. י. ווישליצקי
און זענען פערזיכערט אויפ'ן הויז פּעטריקאָ-ווער 83, ווערען געבעטען צו קומען צו ד. לאַקס שעלאָנגאַ 17, טעגליך פון 4 ביז 5 נאָכמ. און זיך צו פעראייניגען כדי אַרויסצושטעלען דאָס הויז אויף ליציטאַציע.
3235

פאָלקעס
קורצע ווערען איינגעטוישט אויף לאַנגע, ערשט-קלאַסיגע ארבייט מיט פערשידענע
פאַריזער שרינדען
ביליגער ווי איבעראַל צו בעקומען
קאָנסטאַנטינער 15 ביי פרוי צוקער.

Dr. med. H. Gutsztadt
ספּעצ.-ארצט פאַר אַקושער און פרויען-קראַנקהייטען
Zachodnia 62
(Śródmiejska 14). Telef. 129-52 טעלעפ.
נעהמט אָן פון 9 ביז 10 און פון 5 ביז 7.

LEKARZ-DENTYSTA
D. Zylberman
BRZEZINSKA 10, II piętro, front.
נעמט אָן פון 9–1 בייטאָג און פון 3–8 אָוונד

די ליטונג
פון ערשטען אטאדאקסישן לעהר-אנשטאלט
„דרכי-נעם"
פון גרשון אלי' ליסס — אין — לאדז
ערשטער „דרכי-נעם" קילינסקי 50, טעל. 215-26
צווייטער „דרכי-נעם" אל. 1 מאי 20, טעל. 200-43
מאַכט בעקאַנט, אַז אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון דער מאַכט מוזען אין משך פון חודש מאַי אַדורכגעפיהרט ווערען די איינשרייבונגען פון תלמידים אין אונזערע
לעהר-אנשטאלטען
וועלכע זענען, ווי בעוואוסט, איינגעאָרדנט ערשטקלאַסיג אין אַלע הינזיכטען. אויך ווערען שוין אָנגענומען תלמידים-אָנפענגער אין אונזערע
גן-ילדים'ס
וואָס ווערען געפיהרט דורך ספּעציאַליסטען-פּעדאַגאָגען-ערציהער. עס ווערט יעצט אויך פערגרעסערט און פערברייטערט די
מתיבתא לתלמוד ולהוראה
עס וועט טעטיג זיין א מתיבתא א', ב' און ג' ביי דער מיטווירקונג פון בעוואוסטע בעלי-הוראה. גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אַז די
8-קל. גימנאזיאל-קורסען
קאָנצעסיאָנירט דורכ'ן קוראַטאָריום ווערען יעצט פערגרעסערט. עס וועלען טעטיג זיין די קלאַסען IV, V און VI אונטער דער ליטונג פון בעקאַנטע גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָרען. אויך מאַכען מיר בעקאַנט, אַז דער
פענסיאָן
פאַר תלמידים פון דער פרעמד ווערט רעאָרגאַניזירט און וועט זיין אין אַ ספּעציעלען לאָקאַל אונטער דער ליטונג פון אַן אַנגאַזשירטען פאַכמאַן - ספּעציאַליסט. אויך ווערט פאַר אונזערע תלמידים איינגעאָרדנט אַן ערשטקלאַסיגע
זומער - קאלאניע
אין אַ פּרעכטיגער, געזונדער וואַלד-געגענד, וואו די תלמידים וועלען זיך געפינען אין משך פון דער וואַקאַציע אונטער זאָרגפעלטיגער ערציהערישער אויפזיכט.
איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעגליך פון 9 – 1 פאַרמ. און פון 4—7 נאָכמ.
די ליטונג.

די הנהלה פון די 7-קלאַסיגע שולען קאַצענעלזאָן-נחומאָב
איז מודיע דאָס פון נייעם שול-יאָהר אָן, ד.ה. פון 1/9 1931 (י״ט אלול) ווערען די שולען רעאָרגאַניזירט.

7-קלאַסיגע שולע אויף דער נאַר-לודקאַ 8. טעלעפאָן 177-01
(צווישען נאַוואָמיעסקאַ און וסכאָדניאַ)
ווירד געענדערט אויף אַ
מענער-שולע
און נעמט אָן אין אַלע קלאַסען (אָדז.) נור אינגלעך פון 5½ ביז 15 יאָהר

פאַר די אינגלעך פון אָרטאָדאָקסישע עלטערן עגוזסטורט
אַ רעליגיעזער-חדר
וואו ס'ווירד געלערנט דורך די בעסטע מלמדים גריגדליך
חומש, רש״י, פּסוק, גמרא ותוספות
אין הדר ווערען אָנגענומען אינגלעך פון 4 ביז 15 יאָהר.

אין די פרעבעל-שולע (שפּיל-שולע) און אין ערשטען אָדזיאַל קענען אויך אויפג. ווערען מיידלעך פון 3—7 יאָהר

7-קלאַסיגע שולע אויף דער פּאָמאָרסקאַ 20. טעלעפאָן 183-40
ס'ווערען אין דעם פערגרעסערטען לאָקאַל געעפענט די קלאַסען A. B. C. I. II. III. IV.
(אָדזיאַלען 1 ביז'ן VII)
פיר קנאַבען און מעדכען
אין שול צוזאַמען-עלטער פון 7—15 יאָהר

אַ ספּעציעלער פּאָרבערייטונגס - קלאַס פיר עגסטיקעלסטע קינדער פון 5½ ביז 7 יאָהר

ביי דער שולע עגז. אַ מוסטערהאַפטע פרעבעל-שולע (שפּיל-שולע) פיר קינדער אָהן אונטערשייד פון עגסטיקלונג פון 3½ ביז 7 יאָהר
די פרעבעל-שולע ווירד געפיהרט אין דער פּוילישער אונטעררריכטס-שפּראַך לויטן סיסטעם פון פּראָפעס. מאָנטעסאָרי מיט מוזיק און ריטמיק.

פיר פּיזיש שוואַכע קינדער ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע עגזיסטירט אַ נאָכמיטאָג-שולע ביז 50% בילינער. נאָכמיטאַג פרעבעל-שולע.

וויכטיגע בעמערקונג!
1) די 7-קלאַסיגע שולע און רעליגיעזער חדר אויף דער גאַס נאַר-לודקאַ 8 (ביי נאָוואָמיעסקאַ) איז די בעקוועמסטע אַנשטאַלט פיר די עלטערן, וועלכע בלאָנדזשען צווישען צוויי וועלטען און וועלען צו פאַרייניגען די מאָדערנע וועלטלעכע בילדונג און ערציהונג מיט'ן אידישן רעליגיעזן חדר ד.ה. למודי קודש מיט למודי חול.
2) אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון דער מאַכט, מוזען קינדער פון 7 ביז 15 יאָהר, וועלכע װילען יוצא זיין דעם שול-צוואַנג אַיינגעשריבען ווערען אין משך פון דעם חודש אין די קאַנצעלאַריע פון אונזערע שולען;
א) אין דער קאָעדוקאַציאָנס-שולע (פאַר אינגלעך און מיידלעך) אויף פּאָמאָרסקאַ 20 (5—7 נאָכמיטאָג). ב) אָדער אין דער מענער-שולע (נור פיר אינגלעך) אויף נאַר-לודקאַ 8 (פון 11 2 פאַרמיטאַג).

רעליגיעזע מענער-גימנאזיום
„בית אולפנא"
געז. „תורה ודרך-ארץ"
צעגעלניאַנאַ 28, טעל. 176-46
מאַכט בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען פון נייע שילער אין די קלאַסען פון A ביז VI איינשליסליך נעהמט אָן די קאַנצלאַריע טעגליך פון 9 פריה ביז 2 אַ זייגער בייטאָג.
אַבסאָלווענטען פון די פאָלקשולען ווערען אָנגענומען אין דער IV קלאַס מיט אַ ספּעציעלער בעריקזיכטיגונג פון שכר-למוד.
די דירעקציע.

שטורמישע ליל-שמורים אין לאדזער שטאט-ראט

אונצוטרוי-פארשלאג פאר'ן מאגיסטראט אפגעווארפען דורכ'ן שטאט-ראט — צוטרוי-וואטום פאר'ן פרעזידענט און אונצוטרוי פאר'ן וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי — אנגענומען דער פארשלאג פון קאמיסיע, וועלכער רעהאביליטירט די לאוניקעס קוק און איזדעבסקי

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאט-ראט האט מען בעטראכט נאר די איינציגע פראגע וועגן

די פארוואורפען וואס דר. וויעלינסקי האט געמאכט די צוויי לאוניקעס קוק און איזדעבסקי

די דיסקוסיע איז געווען א פארזעצונג פון דער מאנטאגדיגער גרויסער זיצונג.

אויפ'ן זאל איז פערהאן דער גאנצער קאמפלעט ראטמענער. די גאלעריעס זענען פיל. אין דער רעפרעזענטאנטען-לאזשי געפינט זיך א פארשטעהער פון אינערן-מיניסטעריום און פון דער לאדזער וואיעוואדזטווע.

די נעכטיגע זיצונג האט אויסגעזעהען אנדערש ווי די מאנטאגדיגע. נעכטען האבען שוין גענומען ווערטער פארשטעהער פון אלע פראקציעס, וועלכע האבען אנגענומען א שטעלונג צו דער דאזיגער זעהר דראסטישער פראגע, די דיסקוסיע האט אבער קיין שום נייעס נישט בעגעבען. זי האט זיך געדרעהט ארום די זעלבע בעשולדיגונגען, וואס אויף דער ערשטער זיצונג.

פון דער זייט פון דער סאציאליסטישע פראקציעס איז געגאנגען א געוואלדיגער אין שארפער אנגריף געגען דעם ד"ר וויעלינסקי, דערפאר האט

די אפאזיציע געפיהרט איהר טאקטיק אויף דעם אופן, אז זי האט געצילט צו טרעפען אין שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי

וועלכען זיי האבען געוואלט טרעפען דורך דעם, אז ער האט פערטושט די פארוואורפען און זי נישט איבערגעגעבען דער עפענטליכקייט.

באלד אין אנהויב האט פרעזידענט זשעמיענצקי אפגעגעבען אן ערקלערונג, אז אויף דער פריהערדיגער זיצונג האט ער נישט ווילענדיג בעליידיגט דעם אדוואקאט פון מאגיסטראט זשעלאזאווסקי דורך דעם, וואס ער האט געזאגט, אז ער בעדויערט, וואס ער האט די מיינונג פון אדוו. זשעלאזאווסקי וועגען די פארוואורפען נישט גענומען שריפטליך, איצט האט ער זיך איבערצייגט, אז אדוו. זשעלאזאווסקי איז גערעכט און ער בעדויערט די ארויסגעזאגטע ווערטער.

ראטמאן פייפער

ערקלערט, אז צווישען דער מאנטאג'דיגער זיצונג און דער היינטיגער איז פארגעקומען א געוואלדיגער ענדערונג, די מעהרהייט האט אפגעהאלטען א נאכט-זיצונג, אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען סיי די מיטגלידער פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע און סיי די אנגעקלאגטע אליין. אלס רעזולטאט פון דער דאזיגער נאכט-זיצונג איז נאכאמאל צונויפגערופען געווארען די ספעציעלע אויספארשונגס-קאמיסיע, הגם די קאמיסיע האט נישט געהאט קיין רעכט זיך צונויפצוזאמלען.

די דאזיגע קאמיסיע האט ווייטער אנגענומען בעשלוסען, וועלכע רעהאבילירען די צוויי בעשולדיגטע לאוניקעס. ער וויל נישט נעהמען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט און ערקלעהרט דערי בער, אז ער איז נישט נאר נישט מסכים מיט די נייע בעשלוסען, נאר ציהט אויך צוריק זיין אונטערשריפט פון דעם ערשטען בעריכט פון דער קאמיסיע. אויב ער האט דורך 11 זיצונגען געהאט צוטרוי צו דער אקטיוויטעט פון פארזיצער פון דער קאמיסיע אדוו. הארטמאן, האט ער איצט זיין צוטרוי פערלוירען.

לאוניק קיק טרעט ארויס מיט א גאנצען פאק דאקומענטען, פון וועלכע ער בעווייזט, אז ער האט בשום אופן נישט געקענט פארלעגען דעם וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי די 70 טויזענד זלאטיס פערדינסט ביים קויפען דאס הויז אויף קאשטשושקי 4. ווייטער ווארפט לאוניק קוק אפ די בעשולדיגונג וואגן דעם, אז ער האט בערעכנט דער פירמע טילער נאר 4 פראצ. צינזן.

ווייטער שטעלט לאוניק קוק פעסט, אז נישט זיין שוואגער האט אפגעגעבען די אפערטע וועגען קויפען דאס הויז אויף קאשטשושקי גאס, נאר דער בעם למכטיגטער פון דער פירמע פאזנאנסקי, הערמאן. ער ענדיגט זיין רעדע מיט דעם אפעל, אז דער שטאט-ראט זאל מאראליש נישט דערהרגענען קיין אומשולדיגע מענשען.

בעת דער דאזיגער דיסקוסיע, האט אין א צווישענרוף דר. וויעלינסקי זיך אויסגעדריקט, אז ער בעדויערט וואס ער איז געזעסען אין דער פ.פ.ס.ישער בלאטע 33 יאהר. פון דעם מאמענט אן הויבט זיך אן א געוואלדיגער אנגריף געגען ד"ר וויעלינסקי. מ'ווארפט איהם פאר, אז ער איז א פראפעסיאנעלער רכילות-טרייבער, אז ער איז שוין פאר רכילות געזעסען אין טורמע, אז ער טוט דאס אלץ, כדי צו בעקומען א פאסטען ביי דער סאנאציע. א גאר שארפען אנגריף מאכט וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי.

בעת דער דיסקוסיע קומען צו זעהר שטורמישע און דראמאטישע מאמענטען, בעזונדערס צווישען ד"ר וויעלינסקי און לאוניק פירטאל. ס'איז שיער נישט געקומען צו קלעפ.

א ווייטערדיגער שטורם האט ארויסגערופען דעם פארשלאג פון די נ.פ.ר. אויסצוטיילען א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע זאל אויספארשען פארוואס פרעזידענט זשעמיענצקי האט פערטושט די פארוואורפען אין פערלויף פון א יאהר. די לינקע פראקציעס און אויך די ציוניסטישע האבען גענומען אין שוץ דעם פרעזידענט זשעמיענצקי, הגם דער פרעזידענט האט פערלאנגט אז די קאמיסיע זאל יא געוועהלט ווערען.

צום סוף זענען געבליבען אפצושטימען פאלגענדע פארשלאגען 1) דער שטאט-ראט גיט איבער דעם גאנצען ענין אין געריכט 2) אננעהמען דעם רעהאביליטאציע-בעריכט פון דער קאמיסיע 3) אויסוועהלען א קאמיסיע אויסצופארשען די טעטיגקייט פון פראזידענט זשעמיענצקי 4) אונצוטרוי-וואטום פאר'ן וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי 5) אונצוטרוי-וואטום פאר'ן גאנצען מאגיסטראט (פון נ.פ.ר.).

האלב 4 ביינאכט איז מען נאך א זעהר גרויסער און ערנסטער רעדע פון פרעזידענט זשעמיענצקי צוגעטרעטען אפצושטימען די אריינגעטראגענע פארשלאגען:

ס'ווערט אפגעווארפען דער פארשלאג פון אדוואקאט ווייצמאן אפצולעגען די גאנצע פראגע ביז נאך אן'אורטייל פון קרוין-געריכט.

ס'ווערט אפגעווארפען דער פארשלאג פון נ.פ.ר. צו פערפליכטען ביידע בעשולדיגטע לאוניקעס, אז אין פערלויף פון 7 טעג זאלען זיי איבערגעבען דעם גאנצען ענין צום פראקוראר.

מיט 40 שטימען געגען 13 שטימען ביי 2 אפגעהאלטענע („אגודה") ווערט אנגענומען די רעזאלוציע פון דער ספעציעלער אויספארשונגס-קאמיסיע, וועלכער רעהאביליטירט פולשטענדיג די בעשולדיגטע לאוניקעס קוק און איזדעבסקי, די דאזיגע אפשטימונג איז געווען א געהיימע.

דער פארשלאג וועגען אונצוטרוי פאר'ן מאגיסטראט איז אפגעווארפען געווארען. דער פארשלאג האט בעקומען 3 שטימען פון נ.פ.ר. דער מאגיסטראט איז ביי דער אפשטימונג נישט געווען אנוועזענד.

עס ווערט אויסגעדריקט צוטרוי פאר דעם טאג-ארדנונג איבער דעם פארשלאג פון נ.פ.ר. אויסצוועהלען אן'אויס[illegible]מיסיע, וועלכע זאלען פארשען די טעטיגקייט פון מאגיסטראט אין דער פראגע.

ס'ווערט אויסגעדריקט צוטרוי פאר דעם פרעזידענט זשעמיענצקי מיט 48 שטימען געגען 4.

דער לעצטער בעשלוס דריקט אויס אונצוטרוי דעם וויצע-פרעזידענט ד"ר וויעלינסקי, מיט 42 שטימען געגען 1 שטימע.

ביים סוף פון דער זיצונג ארדנען די לינקע ראטמענער איין א שטורמישע אוואציע דעם שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי. האלב 5 פארטאג ווערט די זיצונג געשלאסען.

אין לובלינער ישיבה איז נישט פערהאן קיין מיסיאנערן-נעץ

אזוי ערקלערט די לאדזער אפטיילונג פון „ישיבת חכמי לובלין"

בריף אין רעדאקציע

חשובע רעדאקציע! דערמיט ווערט איהר געבעטען אפצודרוקען דעם ביילגענדען בריף פאר וועלכען מיר דאנקען אייך פאראויס:

אין צוזאמענהאנג מיט די אלארמירענדע ידיעות וועגען א מיסיאנערען-נעץ אין דער לובלינער ישיבה — געפונען מיר זיך אין דער גוטער געלעגענהייט מיטצוטיילען דער יודישער עפענטליכקייט אט וואס: נעכטען, דאנערשטאג, האבען מיר זיך געשטעלט אין טעלעפאנישער פערבינדונג מיט'ן צענטראל-ביורא אין לובלין, פון וואו מ'האט אונז קאטעגאריש ערקלערט:

דאס אלע ידיעות וועגען א מיסיאנערען-נעץ אין לובלין האבען נישט קיין שום שייכות צו „ישיבת חכמי לובלין". קיין שום תלמיד איז אויך נישט דערווייטערט געווארען, און ממילא קאן שוין קיין רייד נישט זיין פון אויספארשונגען, רעוויזיעס אדער חשדים חלילה, אויף וועלכען עס איז תלמיד פון דער ישיבה.

דאגעגען איז אמת. אז עס איז געקומען צו פאהרען א בחור פון קראקא, וועלכער האט געוואלט אריינקומען אלס תלמיד פון דער ישיבה און איז נישט אנגענומען געווארען, האט ער אלס נקמה געזוכט צו קאמפראמיטירען די ישיבה האט ער אנגעשריבען א בריף אין א קראקאווער בלעטעל מיט זעהר נישט פאסיגע אויסדריקען און זיך פארופען אלס תלמיד פון „ישיבת חכמי לובלין", וואס ער איז קיינמאל נישט געווען.

ועד ישיבת חכמת לובלין, אפטיילונג לאדז.

(–) מרדכי מענדל זאמערפעלד

נשיא-הועד.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.

זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארם.

בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. N. ROZEN

צאהן-כירורג

קראנקהייטען פון ציינער, דיזאנסטעס, נימען א.א.ח.

ציינער-רעגולירונג, רענטגען-דיאגנאסטיק.

אנדזשעיא 7, טעל. 216-57.

עמפפאנגס-שטונדען, פון 3–7 נאכמ.

א שוי-פענסטער

איז צו פערמיטען פאר א פאכמאן. צו ערפאהרען 6 זאמענהאף 6 ביי לייזעראוויטש.

ביליגער אויספערקויף

פון פערש. אלפאגענע

מארינארקעס

ביי חיים מענדראווסקי

אנראדאווא 8.

טעל. 202-28. 3209

Dr. med. W. Eychner

נינעקאלאג-אקושער

זגערזשער 11

טעלעפאן 134–72

נעמט אן פון 2–3 נאכמ.

און פון 7½–9 אוונד.

א געוועלב

מיט א שויפענסטער, מיט א אונטערטיר פון זאפארט ביליג צו פערדינגען, צו ערפאהרען ביים הויזוועכטער גרינער מארק 10.

א נעהמאשין

צו בעסטעלטע וועש ווערט פון זאפארט געזוכט ס'קען זיין א פערטיגע און אויך נישט קיין פערטיגע. — צו ערפאהרען פארזשעטשנא 9, וו. 24.

א לעהרער

מיט רעגירונגס-רעכט 16 יאהר פראקטיק, ערטיילט לעקציעס פאר שילער און דערוואקסענע: פויליש, דייטש, פראנצויזיש, מאטעמאטיק און בוכהאלטעריע.

שיף, שוו. יאקובא 12

רעכטע אפיצינע 1 שטאק וו 30

Dr. med. Łagunowski

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych

Leczenie światłem: promieniami Roentgena i lampą kwarcową.

Przyjmuje od 8³⁰ do 10³⁰ rano, od 1-ej do 2³⁰ pp., od 6 do 8³⁰ w., w niedzielę i święta od 10 do 1-ej. Dla pań oddzielna poczekalnia.

ס'ווערט געזוכט

א טרייב-מאשין

אין גוטען צושטאנד.

צו ערפאהרען

44 קילינסקיעגא 44

ביי לעווין.

צו פערדינגען

ביליג א ארט צו ארבייטען פאר א שניידערין, וועשניידערין אדער אנדער פאך עס קען זיין מיט שלאפען. צו ערפאהרען אין אדמינ.

א קוואליפיצירטע מאשין-נייהערין

צו סוויטערס ווערט פון זאפארט געזוכט

ביי פעכמאן

3 קאנסטאנטינער 3

Dr MED. J. PIK

ul. Żeromskiego 36

ביים גרינעם מארק

טעל. 175-50

נערוון און אינערל. קראנק. ספעצ. פון פסיכא-נערוועו.

נעהמט אן פון 5½–7 אוו.

ראטעוועט די האר!

זאגאר גענצליכע ליסע-קעפ קענען צוריק בעקומען א שעהנעם וואוקס פון די האר, בענוצענדיג צו האר-וואקסען BALSAM, וואס פערהיט געגען אויספאלען, פערניכטעט טשופען, בעזייטיגט דאס בייסען פון קאפ און ערוועקט צום לעבען די אפגעשטארבענע ווארצלען פון די האר. פרייז פון א פלאקאן 3 זל. צו בעקומען אין סקלאד אפטעטשנע.

H HERMALIN, Piotrkowska 11

Dr. med. M. Rosenthal

ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקה.

11-go Listopada 19 (קאנסטאנטינער)

telefon 223-34 טעלעפ

נעהמט אן אין דער היים פון 4 ביז 7 אוונד און אין לעטשניצע „פאמאץ" ליטאנאווסקיעגא 1 (עלעקטאנדערער-גאס) פון 1—2 נאכמיטאג.

Dr. med. J. Lubicz

כירורג=ארטאפעד

האט זיך איבערגעצויגען פון גדאנסקא 28 אויף פאלודניאווא 9, טעל. 183-17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פראצאזניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: ווקלעדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארטעלען א. ז. וו.

נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכמיטאג.

די בעסטע

באד=גאלקעס

זענען עמפפעהלט דורך אלע דאקטוירים. מאכן אנטיסעפטיש, ווייך און ארמאטיש דאס וואסער צו בעקומען אויף הורט און דעטייל

אין פערפומעריע

J. DRUKER

זאוואדזקא 5, טעל. 175-92

זומער שפרינקעלעך

געלע פלעקער, אבגעברענטקייט, בלעטערלעך, ליטאיעס, וואנגרעס און אנדערע פערשידענע אונריינקייטען פון געזיכט בעזייטיגט אין משך פון עטליכע טעג אונטער גאראנטיע פאר דער ווירקונג, דער קרעם „ADA" פרייז פון פון א סלאיק 2 זל. צו בעקומען אין אפטייקען און סקלאד-אפטעטשנעס און פערפומעריעס.

רעדע פון דר. שילס

אויף דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פון פעלקער־בונד

זשענעווע. (יט״א) די זיצונגען פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע ווערען אָפּגעהאַלטען, ווי געוועהנליך, ביי פערמאַכטע טירען, לויט׳ן קאָמוניקאַט פון אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ ביים פעלקער־בונד האָט דער פאָרשטעהער פון דער בריטישער רעגירונג, דר. שילס דערמאַנט אין זיין רעדע פון דעם 15 ד. ח. ערקלערט צווישען אַנד. פאָלגענדעס:

איך האָב ווידער אַמאָל כבוד צו זיין דער אַקרעדיטירטער פאָרשטעהער פון דער בריטישער רעגירונג ביי דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, אָבער איצט אין פיל בעסערע אומשטענדען איידער אין ...יגען יאָהר, ווען עס האָט געהערשט אַן׳אויפגערייצטע אַטמאָספער צוליב די בעדויערנסווערטע געשעהענישען פון יאָהר 1929. מען דאַרף אַנערקענען, אַז אין דער פּאָליטישער ספערע לאָזט זיך נאָך פיהלען אַן׳אָנגעשטרענגטע שטימונג, חוץ דעם האָבען א״י אויך נישט אויסגעמיטען די רעזולטאַטען פון דעם ווירטשאַפטליכען וועלט־קריזיס. נישט קוקענדיג אָבער דערויף איז, אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע אומרוהיגע צייטען, דער פעריאָד, וועלכען דער איצטיגער בעריכט נעהמט אַרום, געווען אַ רוהיגער.

איך ערלויב מיך צו בעהויפּטען אַז פאַר דער רעגירונג איז דאָס אַ גרויסע סאַטיספאַקציע, דאָס די מיטלען, וועלכע זי האָט אָנגעווענדעט כדי אויסצומיידען אומרוהען, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר ווירקזאַמע. אַזוי למשל זענען אין דעם דאָזיגען פעריאָד די פסח־יום־טובים אין יאָהר 1930 און 1931 אַ חוץ פאַר אייניצעלנע אינצידענטען, אַריבער רוהיג. אויב מיר ווילען זיך דערמאָנען, אַז הן אין דעם ...טען און אין 2־טען יאָהר איז דער יוד. פסח זיך צונויפגעפאַלען מיט דעם מוזולמענישען נעבי־מוסא, און דאָס לאַנד איז דאַן געווען אין אומשטענדען פון אַ זעהר געריייצטער שטימונג און רעליגיעזער אַגיטאַציע וועט קלאָר ווערען אַז דער רוהיגער פערלויף פון די יום־טובים איז באמת געווען אַ דערפרייענדע ערשיינונג.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויסדריקען מיין אַנערקענונג דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע פאַר איהרע ווירקזאַמע מיטלען, וועלכע זי האָבען געגעבען אַזעלכע בעפרידיגענדע רעזולטאַטען. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכען די דורכגעפיהרטע רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאָליציי און די נייע פערסאָנעל־פאַרשריפטען. אין יאָהר 1930 זענען דורכגעפיהרט געוואָרען פאַרשונגען און אייניגע געביטען. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט די מיסיע פון דעם פּאָליציי – גענעראַל־אינספּעקטאָר פון ציילאַן סער דאַווניגין, איך וויל אויך דערמאָנען וועגען דער קאָמיסיע, וועלכע עס האָט אין יאָהר 1930 אָרגאַניזירט דער הויך־קאָמיסאַר פון פּאַלעסטינא כדי צו פאָרשען די בעדינגונגען פאַר דער לאַנדווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג אין א״י. ווי אויך די פראַגע וועגען רעאָרגאַניזירען דעם שטייער־סיסטעם. אין דער זעלבער צייט ווען עס איז פערעפענטליכט געוואָרען דער בעריכט פון האָפּ־סימפּסאָן האָט זיך אויך בעוויזען דער בעריכט פון סטריקלענדער וועגען דער מעגליכקייט פון דורכפיהרען אַ סיסטעם פון קאָאָפּעראַטיוועם אין דער פּאַלעסטינישער לאַנד קאָאָפּעראַטיווען, דער לעצטער אָבער נישט פון דער לעצטער בעדייטונג איז געווען דער בעריכט, וואָס איז די טעג פערעפענטליכט געוואָרען פון דער כותל מערבי־קאָמיסיע.

נאָך אַ גענויער פאָרשונג פון׳ם גאַנצען מאַטעריאַל און בפרט פון סער דזשאָן האָפּ־סימפּסאָנס מסקנות, האָט די רעגירונג אין אָקטאָבער פ.י. פערעפענטליכט אַ פּאָליטישע דעקלאַראַציע („ווייס־בוך") וועלכע האָט אַרויסגערופען בעדייטענדע קאָנטראָווערסען און איז אין געוויסע קרייזען פאַלש קאָמענטירט און אינטערפּרעטירט געוואָרען, די רעגירונג האָט צוליב דעם אונטערגענומען שריט, כדי צו בעזייטיגען די אַטמאָספער פון אונצופרידענהייט און מיספערשטענדנישען. מיט וועלכע די אויבענדערמאָנטע ערקלערונג איז אויפגענומען געוואָרען אין יודישע קרייזען.

נאָך דער פּאַרלאַמענטאַרער דעבאַטע אין נאָוועמבער פ.י. זענען אַראַנזשירט געוואָרען געשפּרעכען צווישען די רעגירונגס־פאָרשטעהער און די יודישע פיהרער. די געשפּרעכען האָבען זיך געפיהרט מיט גוטען ווילען פון ביידע צדדים און אַלס פועל יוצא פון די געשפּרעכען איז פערעפענטליכט געוואָרען דער בריף פון פּרעמיער מאַקדאָנאַלד צו דר. ווייצמאַן, דער דאָזיגער בריף האָט געזאָלט דינען צו בעזייטיגען די מיספערשטענדנישען און די פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס וועלכע דאָס ווייס־בוך האָט אַרויסגערופען, פון דר. ווייצמאַנס תשובה דרינגט אַרויס, אַז די רעגירונג האָט זעהר פיל געטון פאַר דעם צוועק, צו געפינען די מיטגלידער פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פאַר נויטיג, איך זאָל געבען וועלכע עס איז אַנדערע ערקלערונגען אין שייכות מיט פּרעמיערס בריף, וועלכען דר. ווייצמאַן האָט אַזוי גוט אויפגענומען, פּרעמיער מאַקדאָנאַלדס בריף, מוז בעמערקט ווערען, איז געוואָרען אויך פריינדליך אויפגענומען דורך די אַראַבער. וועלכע האָבען איינגעפונען אַז ער מאַכט אונגינסטיג פאַר זיי די בעשלוסען פון ווייסען בוך, איך האַלט זיך נישט ביי דער דאָזיגער מיינונג. אָבער דער פאַקט קאָן דינען אַלס אַן׳אילוסטראַציע ווי שווער עס איז די אויפגאַבע פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג, און ווי שווער עס איז אין דער איצטיגער צייט צו טון עפּעס, כדי צופרידענצושטעלען איין טייל פון דער ארץ־ישראלדיגער בעפעלקערונג, וואָס זאָל אין דער זעלבער צייט נישט אַרויסרופען אַן׳אונצופרידענהייט ביי דעם צווייטען טייל, נישט געקוקט אָבער אויף דעם, האָט די רעגירונג דאָך פיל געטון פאַר דער בעפעלקערונג, פון א״י, פון דעם בעריכט פון פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע פאַר׳ן יאָהר 1930 איז צו זעהן, אַז נישט געקוקט אויף געוויסע שטערונגען איז דערגרייכט געוואָרען אַ גרויסער פאָרשריט, קיין זאַך בעווייזט נישט אַזוי גוט דעם גוטען פינאַנציעלען מצב פון לאַנד, ווי דער פאַקט, אַז אין יאָהר 1930 האָבען איינפלוסען פון שטייערן דערגרייכט כמעט איין מיליאָן פונט שטערלינג, וואָס פערדינט נאָך אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט צוליב דער פערקלענערונג פון יודישע פּקדונות און בעגרענצונג פון יודישען אינוועסטירטען קאַפּיטאַל. ווי מען זעהט פון דעם אַלעמען, איז דער פינאַנציעלער מצב פון׳ם לאַנד אַ גאַנץ צופרידענשטעלענדער.

בעטראַכטענדיג פערשידענע געביטען פון טעטיגקייט פון דער א״י־רעגירונג, האָב איך נישט בעריהרט דעם פּראָיעקטירטען פּלאַן פון א״י־ענטוויקלונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ זעהר וויכטיגען פּראַקטישען פּראָבלעם. דער פּלאַן וועט דינען די אינטערעסען הן פון די יודען, הן פון די אַראַבער. עס האַנדעלט זיך וועגען ערפילען די פליכטען פון דער רעגירונג פאַר׳ן וואוילשטאַנד פון׳ם גאַנצען לאַנד. אָנצייכענדיג די הויפּט־ליניען פון דעם פּלאַן אין דעם גייסט, האָט די רעגירונג געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זיך בעקענען מיט די אָנשויאונגען און מיט די עצות פון ביידע פערינטערעסירטע צדדים. דאָס איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע. עס האָט צוגענומען פיל צייט און ענערגיע, אָבער מען דאַרף גלויבען, אַז אין דער נאָהענטסטער צוקונפט, וועט מען זיין ביכולת צו פערעפענטליכען די אַלגעמיינע הויפּט־ליניען פון׳ם פּלאַן די אויפגאַבע דורכצופיהרען דעם פּלאַן וועט האָבען אַ ספּעציעלער בעאַמטער (דעוועלאָפּמענט דירעקטאָר).

כדי צו פינאַנסירען דעם פּלאַן, לענט פאָר די רעגירונג צו אַרויסלאָזען הלוואה־עמיסיע אין דער ווערט פון 2—1[2 מיליאָן פונט שטערלינג. די הלוואה וועט דאַרפען בעשטעטיגט ווערען דורכ׳ן פּאַרלאַמענט. מיר זענען איבערצייגט, אַז דער דורכגעפיהרטער פּלאַן וועט מיטווירקען אין אַ בעדייטענדער מאָס צו דער פערבעסערונג פון די ווירטשאַפטליכע בעדינגונגען פון לאַנד און וועט ברענגען גרויסע נוצען פאַר דער גאַנצער בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל.

וואָס איז נוגע דער מעטאָדע און דעם פּראָגראַם פון דער פּאָליטיק, וועלכע דאַרף אָנגעווענדעט ווערען ביים דורכפיהרען דעם פּלאַן, וויל איך ערקלערען, אַז די רעגירונג האָט נישט ברעה זיך צו ריכטען לויט די מסקנות, וועלכע באַזירען זיך אויף די עקזיסטירענדע אָפּשאַצונגען. דאָס גאַנצע פּראָבלעם וועט גענוי אויסגעפאָרשט ווערען דורך דער מאַכט, וועלכער עס וועט איבערגעגעבען ווערען די אויפגאַבע צו דורכפיהרען דעם פּלאַן און וועלכע וועט אינסטרואירט ווערען וועגען די פאַקטען אויף דעם סמך פון וועלכע, זי וועט בעאַרבייטען איהרע עמפעהלונגען. דעם פּרט וויל איך אונטערשטרייכען, ווייל אייניגע פאַקטען און מסקנות, וועלכע געפינען זיך אין דעם בעריכט פון סער האָפּ־סימפּסאָן, זענען בעקעמפט געוואָרען דורך די יודישע קרייזען. פון דעם אויבענדערמאָהנטען דרינגט אַרויס אונצווייפעלדייטיג, אַז די ענטשפּרעכענדע מאַכט, וועלכע האָט די אויפגאַבע דורכצופיהרען דעם פּלאַן, וועט זיך נישט שטיצען אויף וועלכע עס איז נישט סטאַטיסטישע דאַטען, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט דער דאָזיגער פראַגע. נאָר וועט פעסט שטעלען אויפ׳ן אָרט די אַלע פאַקטען, איידער זי וועט אָנצייכענען דעם פּראָגראַם פון די אַרבייטען אָדער דורכפיהרען וועלכען עס איז נישט טייל פון דעם ענטוויקלונגס־פּלאַן.

פערענדענדיג מיינע מסקנות, וויל איך אונטערשטרייכען. אַז שוועריגקייטען פון פּאָליטישען כאַראַקטער האָבען אַרויסגערופען אַ פערשפּעטיגונג אין די ווירטשאַפטליכע פראַגען. פון דער אַנדערער זייט איז זיכער, אַז די בעסטע פּאָליטישע בעדינגונגען וועלען האָבען זייער נוצליכען איינפלוס אויף דעם פאָרשריט אין דעם מאַטעריעלען געביט. די איצטיגע לאַגע פאָדערט אַן׳אַקציע אויפ׳ן ווירטשאַפטליכען געביט. לענענדיג גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף די פאַקטען פון פּאָליטישען כאַראַקטער, וועלען די וואונשען פון דער רעגירונג געהן אין דער ריכטונג פון קאָנצענטרירען איהרע אָנשטרענגונגען אַרום דער זאָרג פון הויבען דעם ווירטשאַפטליכען מצב פון׳ם לאַנד. בעזונדערס דורכ׳ן דורכפיהרען דעם ענטוויקלונגס־פּלאַן פון א״י, האָבענדיג דעם גלויבען, אַז צוזאַמען מיט׳ן וואוקס פון דעם וואוילשטאַנד פון א״י וועלען זיך אויך פערבעסערען און פערפעסטיגען די בעציהונגען צווישען די צוויי ראַסען, וועלכע בעוואוינען דאָס לאַנד.

OSTRZEŻENIE!

TYLKO ORYGINALNA ZNANA OD 25 LAT

CZEKOLADA PRZECZYSZCZAJĄCA

DRASTIN-LUBELSKI

działa skutecznie · reguluje żołądek

Wystrzegać się bezwartościowych naśladownictw!

Zwracać uwagę na napis Drastin-Lubelski i znak fabryczny n/każdym ułamku

WYTWÓRCA APTEKARZ J. Lubelski WARSZAWA, Ul. DŁUGA 16

DO NABYCIA WSZĘDZIE!

מאַקדאָנאַלד און הענדערסאָן קומען קיין בערלין

בערלין, 18 (ספּ. טעל.) אָפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אַז מאַקדאָנאַלד און הענדערסאָן קומען קיין בערלין דעם 21. יולי.

בלוטיגע אַרבייטסלאָזע דעמאָנסטראַציעס אין עפּילה

ירושלים, 18 (ספּ. טעל.) פון עפּילה איז מען מודיע, אַז דאָרט זענען פאָרגעקומען אַרבייטסלאָזע דעמאָנסטראַציעס. עס זענען געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער ענגלישער פּאָליציי. פינף יודישע אַרבייטסלאָזע זענען פערוואונדעט געוואָרען, 12 אַרבייטסלאָזע זענען אַרעסטירט געוואָרען.

פערקלענערט דעם קינאָ־שטייער אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער וואַרשאַווער שטאָט־ראַט האָט בעכטען בעשלאָסען צו פערקלענערען דעם קינאָ־שטייער אויף 25 פּראָצענט. היינט פערענדיגט זיך דער קינאָ־שטרייק.

צוזאַמענשטויס צווישען פּאָליציי און קאָמוניסטען אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אין דער יודישער געגענד, אין די גאַסען נאַלעווקי, קאַרמעליצקאַ, דזשיקע, נאָוואָליפּקי זענען היינט פאָרגעקומען קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס. אין אַ צוקערניע זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען.

ביים פונאַנדערטרייבען די דעמאָנסטראַנטען איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט פּאָליציי. מען האָט אַרעסטירט גרעסערע גרופּען. פאַרוואונדעט אויך אַ פערוואונדעטער פּריוואַט־אַרבייטער.

סענסאַציאָנעלע זיצונג פון קהלה־ראַט אין וואַרשא

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון וואַרשאַווער קהלה־ראַט. די זיצונג האָט געבראַכט סענסאַציאָנעלע מאָמענטען. איידער די זיצונג האָט זיך געעפענט איז געווען בעוואוסט, אַז די ציוניסטען זענען געקומען מיט אַ פערטיגע מעהרהייט, מיט איין שטימע מעהר, אַזוי, אַז די ציוניסטען זענען געקומען איבערנעהמען די מאַכט אין קהלה־ראַט. פּלוצים האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די ציוניסטען האָבען פערלוירען די מעהרהייט. דער פערטרעטער פון „חסד של אמת", פינקערט, האָט זיך אין דער לעצטער מינוט מיישב געווען, איז אַוועק פון די ציוניסטען און איז צוגעשטאַנען צו דער אגודה. האָט ווידער די אגודה בעקומען די מעהרהייט.

ביי אזא געענדערטער סענסאַציאָנעלער לאַגע איז מען צוגעטרעטען צו דער זיצונג, וואָס עס דאַט געעפענט פּרעזעס פאַרבשטיין, וועלכער האָט פאָרגעלעגט צו וועהלען אַ פאָרזיצער. די אגודה האָט געהאַלטען, אַז פאַרבשטיין זאָל ווייטער פיהרען דעם פאָרזיץ. די ציוניסטען זענען דערויף נישט איינגעגאַנגען און אַלס פאָרזיצער, איז געוועהלט געוואָרען איטשע מאיר לעווין.

ד״ר שיפּער האָט נאָכדעם אָפּגעגעבען אַ דעקלאַראַציע, אַז, היות די קהלה־וואַהלען זענען פאָרגעקומען אום מיטוואָך, ווען טויזענדער וועהלער האָבען קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוגעבען זייערע שטימען און אויך צוליב׳ן פּאַראַגראַף 20, פערלאָזען די ציוניסטישע פּרנסים די זיצונג.

ווען די ציוניסטען זענען אַוועק, איז דאָך נישט געבליבען קיין קוואָרום, האָט אָבער די מעהרהייט איינגעפונען, אַז אַ קוואָרום רעכענט זיך לויט דער צאָהל רעגיסטרירטע פּרנסים ביים איינגאַנג. אויב אַ טייל פּרנסים זענען אַוועק, בלייבט פונדעסטוועגען דער קוואָרום.

די זיצונג איז ווייטער געפיהרט געוואָרען און עס איז געוועהלט געוואָרען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל צוזאַמענשטעלען אַ פערוואַלטונג פון קהלה. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין 3 אגודה, 1 פאָלקיסט און 1 אַסימילאַטאָר.

אייז

יעדען קוואַנטום

צו ביליגע פּרייזען

ליפערט

Lodownia Południowa 22

tel. 190-48 i 191-26.

אוועק מיט׳ן ראַזירען!

אהן ראַזיר־מעסער, זייף און מאַשינקע

אַ אידעאַל גלאַט געזיכט

דורך RASOFIX NAGA!

פאַר׳ן ראַזירען

אויפגעלעגטע פּאַסטע

פערטיג! נאָך ענטפערנען די פּאַסטע.

מאַכט אַ פּראָבע

און עס וועט זיין דאָס אנגענעהמסטע און בעקוועהמסטע מיטעל צו ענטפערנען די האָר פון געזיכט אָהן ראַזיר־מעסער, אָהן מאַשינקע

RASOFIX „NAGA" איז דער טריומף פון כעמיע

מען דאַרף נאָר אָנפּענזלען דאָס געזיכט, אראָפּנעהמען און דער שטאַרקסטער בצוואוקס ווערט ענטפערנט. דורך געזונדהייטס־אַמטען געפּרובט און אַנערקענט פאַר אונשעדליך.

פערשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט – מיליאָנען פערקויפטע פעקלעך.

אנגענעהמער גערוך! ביליג אין בענוצונג. אָריג. פּאַקונג אויף 18—20 מאָל 3.50 זל., אויף זאַליטשקע מיט פּאַסט־שפּעזען 4 זל. אָהן פאָריגען האַנד־געלד.

די פּרויען בענוצען אויך Rasofix „NAGA" צו ענטפערנען נישט בעדאַרפטיגע האָר.

אויסאַרבייטונג און פערקויף ערלויבט לויט׳ן № 2. H. 1699/31 ד. 5. יוני 1931.

פּערטרעטער און פערקויפער געזוכט!

Polska Wytwórnia Preparatów Chemicznych „NAGA"

Łódź, Al. Kościuszki 93, telefon 230-66.

„דר. ווייצמאן וועט צוריקציהען זיין דימיסיע

און וועט ווייטער בלייבען פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע“

ערקלערט מ. מ. אוסישקין אין אנ'אינטערוויאו מיט דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

ירושלים, (יט"א) דער הויפט-דירעקטאר פון קרן-קימת לישראל ה' מ. מ. אוסישקין האט געגעבען אנ'אינטערוויאו דעם פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען אגענטור ה' ב. סמאלאר, יועל כער האט לעצטענס געווייזלט אין א"י, און זיך אַרויסגעזאָגט וועגע פערשידענע אַקטועלע ציוניסטישע פראַגען, ה' אוסישקין האט צווישען אַנדערן ערקלערט:

„עס איז צו בעדויערען וואָס דער 17-טער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט זיך הויפטזעכליך האַבען צו בעשעפטיגען מיט צוויי פראַגען: די פראַגע פון די ווייטערדיגע בעציהונגען מיט דער בריטישער רעגירונג און די פראַגע אין וועמענס הענד איבערגעבען די ציוניסטישע הויפט-ליישונג, עס איז צו בעדויערען, דאָס צוליב די דאָזיגע צוויי פראַגען וועלען בלייבען אין שאָטען אַנדערע וויכטיגע פראָבלעמען, ווי למשל די פראַגע פון פינאַנצען, ערד-איינקויף און אַנדערע, וועלכע זענען פערבונדען מיט'ן גאַנצען קאָמפּלעקס-פראַגען, וועגען דער ענטוויקלונג פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, דאָס די דאָזיגע פראַגען וועלען שטאַרק ליידען צוליב דעם וואָס דער קאָנגרעס וועט זיך מיט זיי נישט ווי געהעריג אָפּגעבען.

בנוגע דער שטעלונג פון קאָנגרעס לגבי דער ענגלישער רעגירונג בין איך ביי דער מיינונג, אַז אין דער דאָזיגער פראַגע איז נישט מעגליך קיין שום קאָמפּראָמיס, דער קאָנגרעס ווי בכלל די גאַנצע יודישע עפענטליכע מיינונג מוז מעגליך ווי אַמבולטסטען אויפקלערען דער גאַנצער וועלט אַלע אַ־פּענע און בעהאַלטענע עוולות, וואָס ווערען לגבי אונז בעגאַנגען אין ארץ־ישראל צוליב דער שולד פון דער בריטישער רעגירונג, דער קאָנגרעס און די יודישע עפענטליכקייט דאַרפען זיך בעמיהען אויפצוּוועקען דאָס געוויסען פון גרויס־בריטאַניען, עס קאָן אָבער יעדענפאַלס פערשטענדליך נישט זיין קיין רייד וועגען איבעררייסען די בעציהונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג.

רעדענדיג וועגען דער בעציהונג פון קאָנגרעס צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט ה' אוסישקין אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די דעבאַטע אויפ'ן קאָנגרעס וועגען דער פראַגע דאַרף געפיהרט ווערען אין דער ריכטונג „אָהן זיגער און אָהן בעזיגטע“. אין איצטיגען שוואַכען מאָמענט איז מעהר ווי שטענדיג נויטיג אַ פעראייניגונג פון ציוניסטישען לאַגער, אין אַ סיטואַציע וועלכע קאָן שוין אייגענטליך נישט זיין ערגער, ליגט די איינציגע ישועה אין פעראייניגען אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, איבריגענס, האָט ה' אוסישקין צוגעגעבען מיין איך, אַז נישט געקוקט אויף זיינע פילמאָל ווידערהאָלטע הבטחות וועט דר. חיים ווייצמאַן אויף דעם קאָנגרעס אין באַזעל ענדערען אין דער לעצטער מינוט זיין בעשלוס. וועט צוריקציהען זיין רעזיגנאַציע און וועט ווייטער בעהאַלטען דעם אַמט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

לויט די מיינונג פון ה' אוסישקין, האָבען די יודען אויך איצט פיל פריינד צווישען די מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג, אַ פריינד פון דער יודישער זאַך איז קודם כל דער פרעמיער מאַקדאָנאַלד, די דאָזיגע יודען-פריינד זענען אָבער פערפיהרט געוואָרען דורך די בעאַמטע פון קאָלאָניעל-אָפיס, וועלכע זענען דעקלאַרירטע אַנטיסעמיטען.

וואָס מעהר יודען אין א"י, דאָס איז דער בעסטער וועג, וועלכער פיהרט צו דער אויסבעסערונג פון דער איצטיגער לאַגע אין ארץ־ישראל, וואָס גרעסער עס וועט זיין די צאָהל יודען אין לאַנד אַלץ שטאַרקער וועט זיין אונזער פּאָזיציע. באַך ביי די איצטיגע בעדינגונגען קאָן מען קויפען אין א"י אַזויפיל ערד, וויפיל מיר זאָלען נאָר וועלען, אויב מיר וועלען האָבען דערויף די נויטיגע פאָנדען.

---

2 מיליארד מארק הלואה

זאל בעקומען סאוויעט רוסלאנד אין פראנקרייך

די פראַנצויזיש־סאָוויעטישע אונטערהאַנדלונגען ווערען איצט געפיהרט אין פאַריז אין געהיים. בעת די אונטערהאַנדלונגען זענען אַרויסגערוקט געוואָרען צוויי וויכטיגע ענינים, די פראַנצויזען פאָדערען אַז כ'זאָלען רעגולירט ווערען די פאַרמלחמה'דיגע רוסישע חובות, די סאָוויעטישע פערטרעטער זענען זעהר פאָרזיכטיג און זענען קאַטעגאָריש געגען צאָהלען די אַלטע צאַרישע חובות, דאַגעגען רוקען זיי אַרויס דעם פאָרשלאַג וועגען ערטיילען די כאַוויעטען אַ לאַנג־טערמיניגע הלוואָה פון אַ פּאָר מיליאַרד פראַנק און אונטערשטרייכען די בעדייטונג וואָס ס'קען האָבען פאַר פראַנקרייך דאָס איינשטעלען אַ סחורות אויסטויש מיט סאָוויעט־רוסלאַנד אין אַ גרויסען פערנעהם.

עס האַלט דערביי, אַז די פר[illegible]ען זאָלען רעזיגנירען פון זייער פאָדערונג וועגען בעצאָהלען די אַלטע צאַרישע חובות, די פראַגע וועט וואַהרשיינליך ערלעדיגען סענאַטאָר מאָנזי, וועלכער איז איצט בעשטימט געוואָרען אַלס פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

דער אָפּמאַך זאָל געשלאָסען ווערען אויף פאָלגענדע בעדינגונגען: סאָוויעט־רוסלאַנד זאָל בעקומען פון פראַנקרייך אַ סחורות קרעדיט אויף צוויי מיליאַרד פראַנק, פון דעם וועלען 1.650 מיליאָן פערווענדעט ווערען אויף איינצוקויפען פערשידענע מכשירים, מאַשינען, פולשטענדיגע פאַבריקס־אינסטאַלאַציעס און קאָנפעקציע. די דאָזיגע קרעדיטען זאָלען גאַראַנטירט ווערען דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג און סאָוויעט־רוסלאַנד וועט איהרע חובות אָפּצאָהלען הויפּטזעכליך מיט סחורות (נאַפט, וועלכע פראַנקרייך האָט נויטיג פאַר איהר פלאָט, האָלץ, פלאַקס און פערשידענע רודעס).

דער געגענזייטיגער אָפּמאַך וועט נישט אָנגרייפען זיך איז נאָך צווישען פראַנקרייך און רוסלאַנד נישט געשלאָסען. פראַנקרייך פאָדערט אַז אין פראַנקרייך זאָל מען נישט טאָרען פיהרען קיין קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, בפרט אין — איבנדיאַכיבא. די סאָוויעטישע פאָרשטעהער ערקלערען אַז, דאָס איז אַנ'ענין וואָס ליגט נישט אין זיין קאָמפּעטענץ, דאָס געהערט צום קאָמינטערן.

אַרום דעם געהן דערווייל די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע ס'דאַרף פערענדיגען אין מאָסקווע סענאַטאָר מאָנזי.

מיר וועלען אפשאפען אלע אינטערנאציאנאלע טראקטאטען

ווייל זיי זענען אונטערגעשריבען געווארען דורך אויסוואורפען

דעקלאראציע פון היטלעראווצעס אויף אנ'עפענטליכער פערזאמלונג אין בראנשווייג

אין בראַנשווייג איז פאָרגעקומען אַנ'עפענטליכע פערזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז מצד די היטלער־לייט אַרויסגעטראָטען מיט אַ רעדע דער פירשט אויגוסט ווילהעלם האָהענצאָלערן, וועלכען מ'רופט „אווי“. אין זיין רעדע האָט ער ערקלערט, אַז היטלער איז דעם דייטשען פאָלק געשיקט געוואָרען דורכ'ן אויבערשטען. דער סאָציאַליזם פון די היטלעראָווצעס שטרעבט אַוועקצושטעלען די ריכטיגע לייט אויפ'ן ריכטיגען אָרט און דעריבער קען יעדער האָהענצאָלער'ן נישט־פערלעצענדיג זיין ווירדע זיך געפינען אין די רייהען פון די היטלערלייט.

אַ צווייטער רעדנער רייכסטאַגס־דעפּוטאַט קאַקאַווני האָט געזידעלט דעם רייכסטאַג אויף וואָס די וועלט שטעהט: „דאָס איז אַ גרויסער בהמה־יאַריד“ האָט ער געזאָגט. ווען מיר וועלען דערגרייכען די מאַכט וועלען מיר אָפּשאַפען אַלע אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטען, ווייל זיי זענען אונטערגעשריבען געוואָרען דורך אינטערנאַציאָנאַלע אויסוואורפען.

די פאָליציי־מאַכט אין בראַנשווייג וועלכע געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון די היטלער־לייט האָבען נישט געשטערט די אַרויסטריטען.

נאָך דער אָריגינעלער פערזאַמלונג האָט פירשט אויגוסט ווילהעלם אויפגענומען אַ דעפילאַדע פון די היטלערישע שטורם־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען געמאַכט פערשידענע העץ־אויסרופען געגען בריינינג און זיין רעגירונג.

אנהויב פון יודישער קאלאניזאציע אין דייטשלאנד

אויך אין דייטשלאַנד ווערט, ווייזט אויס, אַקטועל די יודישע קאָלאָניזאַציע.

זונטאָג דעם 21. יוני קומט פאָר די גרונדשטיין־לייגונג פון דער ערשטער יודישער פערמע אין דייטשלאַנד גראָסנאַגלאָוו ביי קאָטביס, די פערמע איז שוין לאַנג דערוואָרבען געוואָרען דורך דעם „רייכסבונד פאַר יודישע קאָלאָניזאַציע אין דייטשלאַנד“, אַ געוויסע צאָהל יודישע קאָלאָניסטען (25) אַרבייט שוין אין דער פערמע. ביי דער פייערליכער גרונד־שטיין־לייגונג וועלען בייזיין פערטרעטער פון אַלע יודישע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס „געמיינדע־בלאַט“ דרוקט אַנ'אַרטיקעל פון מאָריץ ראָזענטאַל, איינעם פון די פיהרער פון ליבעראַלען יודענטום, וועגען דעם. דער מחבר פערגלייכט דעם מצב פון די יודען פאַר דער מלחמה. ווען די יודען האָט זיך געלעבט נישט שלעכט, און איצט, ווען די יודישע פרנסות געהען אונטער. די יודישע סוחרים, הענדלער, בעלי־מלאכות ווערען רואינירט, ס'איז אַ איבערפּראָדוקציע אין פרייע פּראָפעסיעס. די אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען יודען שטייגט, דער הויכער לעבענס־סטאַנדאַרט, וואָס דערמעגליכט אַ הויכען קולטור־ניוואָ, וואָס האָט געמאַכט די דייטשע יודען פאַר טרעגער פון גייסטיגען ליבעראַלען יודענטום אין דער וועלט איז געזונקען, וואוהין אויסצוּוואַנדערען איז נישטאָ, מיר, דייטשע יודען, געפינען זיך אין אַ קאַטאַסטראָפאַלען מצב. מיר מוזען זיך אַ־ליין העלפען כל זמן עס איז נישט שפּעט — שרייבט די צייטונג.

אין יולי פאָריגען יאָהר האָט די געזעלשאַפט פאַר יודישער לאַנד־אַרבייט דערוואָרבען די אויבענדערמאָנטע פערמע, וועלכע האַלט 820 מאָרג.

זיין אַרטיקעל פערענדיגט ראָזענטאַל: גראָס־גאַנגלאָוו איז אַ ביישפּיל און אַנ'אָנהויב. די אידעע צו לעזען אָדער צו לינדערען די נויט פון די דייטשע יודען דורך בעזעצען אויף ערד מוז זיין אַנ'אויפגאַבע פון אַלע יודען אין דייטשלאַנד, בפרט פון די קהלות.

דער וועלטבעריהמטער
לונא-פארק
אין לאדז!
קירצליך ערעפנונג
?



היינט און פאלג. טעג!
פערל פון דער פראנצויזישער
קלאנג-פילם-קונסט!
פילם, וואָס האָט מיט זיין שפּאַנענדען אינהאַלט ענטציקט די גאַנצע וועלט!
אונטער די דעכער
פון פאריז
רעזשי פון RENE CLAIR
אין די הויפט-ראָלען:
ALBERT PREJEAN
I POLA ILLERY
אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 5 נאָכמיטאָג
שבת, זונטאג און יום-טוב 2,30 בייטאָג
פאפולערע פרייזען.
דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט.

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פאַרפאַלען צו יעדער צייט בייטאָג און ביינאַכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאָלאָגישע הילף.
פערהיטונגס-שטעל אונטער דער ליטונג פון א ד"ר-ספעצ. פון 9 אָוו. ביז 3 ביינאכט

לאדזער יודישער קאמעראל-טעאטער
אלעע 1-טער מאי 2. געוו. ענגלישער זאל (פריש רעמאָנטירט).
דירעקטאָר: דוד צעלמייסטער.
גאסטשפילן פון דוד הערמאן-טעאטער
מיט'ן אנטייל פון פרעמיער יוסף קאמען פון דער ווילנער טרופּע
היינט, פרייטאג, 9.30 אין אָווענד
דער נסיון
מארגן, שבת, 4 נאָכמיטאָג
דער טויבער
(די ברויט-מיהל)
מארגן, שבת, ד. 20-טן, 12 פארמיטאג
פריהמארגען-פארשטעלונג
מאן, ווייב — און — רעוואלוציע
שבת ביינאכט, ד. 20-טן, 9.30 אָווענד
דער נסיון
פרייזען זענען פון 50 גר. ביז 1.50 זל.
ס'בעטייליגען זיך: געוועזענע מיטגלידער פון דער ווילנער טרופּע – אולריך דוד, בירנבוים דוד, הירשפעלד זלמן, מעסינגער מיכאל, קעניג דינה, קורלענדער יעקב מיט דעם פרעמיער יוסף קאמען בראש, ווי אויך נערה רבקה, יחיאל ראַקאָוו, בת-שבע.
אינסצעניזאציע און רעזשי: דוד הערמאן. אדמינ. לייטער: א. גאריעלאוו.
בילעטען צו בעקומען אין קאַנדיטאָריי פון ה' ראָשגאָלד (פּיעטריקאָווער 38) און אַ גאַנצען טאָג אין דער קאַסע פון טעאַטער.

אַ שפּאַציר אויפ׳ן ים

מיר דרעהען זיך כסדר אַרום אויף דער זינדיגער ערד, וואָס איז פול מיט צרות, לײדען און פּורעניות. עס ווילט זיך אַמאָל ענטלויפען פון דער ערד און זיך פערקלויבען אין אַ אָרט וואו מען זעהט נישט די ערד מיט איהרע ברואים. גליקליך איז געווען פּראָפעסאָר פּיקאַר ווען ער האָט געקענט זיך אויפהויבען אַזוי הויך, דאָס ער האָט נישט געזעהן נישט קיין מענשען און נישט קיין חיות. מען האָט געשוועבט אין אין־סוף. אָבער נישט יעדער איז אַ פּראָפעסאָר פּיקאַר און ווי לאַנג, מ׳שטײנס געבראַכט, האָט ביי איהם געדויערט די שמחה? סך הכל איז ער געווען גליקליך ווען ער האָט ווידער דערזעהן זיך אַ מענש און האָט בעקומען עפּעס אָנצועסען, בײן, פליהען אין דער לופט איז קיין פּלאַן נישט. בעסער איז שוין זיך לאָזען אויפ׳ן ים, פּרובען דאָרט געפינען די געזוכטע רוה. דערביי דערמאָהנט מען זיך אַז אויך יונה הנביא האָט נאָך אַמאָל מיט אַ פּאָר טויזענד יאָהר צוריק געפּרובט אַנטלויפען אויפ׳ן וואַסער. עס ווייזט אָבער זיך אַרויס, אַז אויך דאָס וואַסער איז נישט קיין זיכער אָרט, אַז פּונקט ווי עס האָט געטראָפען מיט יענעם מיט־קווירדיגען נביא, קען טרעפען מיט יעדען געוועהנליכען מענשען. אויך מיר, פּשוטע בשר ודם׳ס קענען לײדען שיפברוך, נאָר פאַר אונז שטעהט נישט צוגעגרייט דער פיש וואָס זאָל אונז איינשלינגען. און אויב ער איז יאָ צוגעגרייט, האָט ער נישט קיין חשק אונז אויסצושפייען, ווי ער האָט עס געטוהן מיט יונה הנביא.

אויף די אומעטיגע געדאַנקען בין איך געקומען לײענענדיג די ידיעות, וואָס מיר האָבען בעקומען פון צוויי שיף־קאַטאַסטראָפעס, וואָס זענען פאָרגעקומען. איינע איז געשעהען ביי די ברעגעס פון פראַנקרייך, מיט אַ שיף, וואָס האָט געפיהרט טוריסטען, ד. ה. מענשען, וואָס פאָהרען נישט חלילה פון נויט, עס זענען נישט יענע רייזענדע פון וועלכע ראָזענפעלד זינגט, אַז זיי קימערט נישט דער שטורם, אַז זיי האָבען נישט קיין מורא פאַר׳ן ווינד. ווייל אין לאַנד טרייבט זיי און דאָס צווייטע ווייכט זיי. נישט אַזעלכע זענען געווען די פּאַסאַזשירען פון דער שיף, געווען זענען עס מענשען וואָס ברעכען אויס אַ פרייע צייט, אַ אורלויב אָדער אַ פּויזע אין אַרבייט, געשעפט, און מאַכען אַ רייזע אויפ׳ן ים: עס זענען געווען פערגעניגענס־פאָהרער ווי מען רופט עס, און געפאָהרען זענען זיי געוויס מיט אַ מאָדערנע שיף, וואָס איז פערזעהען מיט אַלע נויטיגע פערגעניגענס, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען און געפאָהרען זענען זיי ביים פראַנצויזישען ברעג, נאָהענט צום בריטישען טראַקט וואו עס פאָהרען כסדר שיפען.

אַ צווייטער פאַל איז געשעהען מיט׳ן שיף „נאַוטיליוס". דאָס איז טאַקע אַ מעשה פון טויזענד און איין נאַכט. מיר ווייסען, אַז מענשען קענען נישט שלאָפען אַזוי לאַנג ווי מען ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך דאָרט ביים צפון־פּאָל פון ערד־קויל, זייט דורות האָט מען אַהין געשיקט עקספּעדיציעס, פון וועלכע די מעהרהייט איז אומגעקומען אין אייביגען שניי און אייז. נאָר אַ קלײנער טייל האָט זיך געראַטעוועט און איז צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. ווען מען האָט געזעהן, אַז מיט׳ן אייז ווערט מען גאָרנישט מאַכען, האָט מען זיך געפּרובט אויסנוצען די לופט און זיך צוקלויבען צו איהם אין אַ לופט־שיף. ווייסען מיר אַלע דעם טרויעריגען סוף פון דער נאָבילע־עקספּעדיציע. הכלל, מיט דער לופט לאָזט זיך אויך גאָר נישט מאַכען. איצט איז געקומען אַ קאַפּיטאַן ווילקינס פון אויסטראַליען און האָט געמאַכט אַ פּלאַן זיך צוצוקלויבען צום צפון אונטער׳ן אייז.

עס איז אַ משוגעת׳דיגער פּלאַן, אָבער עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען געגעבען געלד און מען האָט געבויט אַ גרויס אונטערוואַסער־שיף, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען „נאַוטיליוס" און מען האָט זיך געלאָזען דערווייל אויפ׳ן וואַסער. אָבער שוין אויף דער רייזע אויפ׳ן וואַסער זענען די מאַשינען קאַליע געוואָרען און מען האָט די שיף מיט מיה געראַטעוועט און געבראַכט צו די ברעגעס פון אירלאַנד.

אָט דאָס איז די מעשה מיט צוויי שיפען, וואָס האָבען געליטען קאַטאַסטראָפעס אין די לעצטע טעג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אויפ׳ן ים איז מען נישט זיכער מיט׳ן לעבען, הײנט וואו איז מען יאָ זיכער?

ש. י. סטופּניצקי

דער פּאָליטישער מאָמענט

מען וואַרט, אַז אַמעריקאַ זאָל שענקען די מלחמה־חובות

די לעצטע טעג ברענגען אַ איבערבליק אין דער פּאָליטישער מענטאַליטעט פון דער וועלט, אַ איבערבליק, וואָס עס איז כדאי זיך אויף איהם אָבצושטעלען.

עס איז אַ כלל זייט הונדערטער יאָהרען, אַז ווער עס האָט אין דער מלחמה געזיגט, איז ידו על העליונה, דער קען דיקטירען אַלע בעדינגונגען און ווער עס איז אין דער מלחמה געפאַלען, דער דאַרף זיצען שטיל, צאָהלען, צאָהלען און צאָהלען, מען פרעגט איהם נישט, צי ער קען אָדער נישט, צי דאָס צאָהלען וועט שאַדען זיינע ווירטשאַפטליכע כחות אָדער נישט, און נישט נאָר מען האָט זיך נאָך געשעהמט צו זאָגען, אַז מען קען נישט ווייל ערשטענס האָט מען געמוזט, ווי מען רופט דאָס אָן, „זיך קנייפען די באַק, כדי די פאַרב זאָל שטעהן", און צווייטענס האָט מען מורא געהאַט פאַר דעם „תם מה הוא אומר", וואָס עס וועט זאָגען דער צד השני, דאָס הייסט מען איז זיכער געווען, אַז עס וועט נישט העלפען.

אַזוי איז געווען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין. און תוך גענומען: ווער האָט געזאָלט פּראָטעסטירען? דער, וואָס האָט געזאָלט נעמען, דער איז דאָך דאָס געווען גאַנץ רעכט. דער אַנדערער אָבער, וואָס האָט געזאָלט צאָהלען, דער האָט קיין שום בעדייטונג נישט געהאַט, אין דער וועלט פון פאַקטען, אין דער אומברחמנות׳דיגער וועלט, וואו נאָר דער כח ענטשיידעט, וואו נאָר די איבערמאַכט איז אַ רעאַלער פאַקטאָר, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכנען, און אַ מלוכה, וואָס האָט דעם קריג פערלוירען, האָט פערלוירען דאָס פּנים, דאָס אָנזעהען, פּנה הודה, פּנה זיוה, און איהר שטים ווערט נישט געהערט, ווער האָט בכן געקאָנט דאָ עפּעס אויפטוהן!

אָט דאָס געזעץ, וואָס די שטאַרקע האָבען געמאַכט און די שוואַכע האָבען באין ברירה טאָלערירט, האָט געגאָלטען, און קיינער איז נישט איינגעפאַלען געגען דעם צו פּראָטעסטירען ביז... ביז עס איז געקומען די וועלט מלחמה מיט איהר מורא׳דיגען סוף. שוין ביי די שלום־פערהאַנדלונגען האָט ווילסאָן, דער אַמעריקאַנישער מלוכה־פּרעזידענט פערלאַנגט, אַז עס זאָל אויפהערען דער פּרינציפּ פון „זיגער און בעזיגטע", אַז מען זאָל נישט מאָהנען און נישט צאָהלען קיין קריגס־ענטשעדיגונגען, לײדער איז זיין שטים איבערגעשריגען געוואָרען דורך קלעמענסאָ, דעם פראַנצויזישען „טיגער" און דער שלום־פּאַקט איז געשלאָסען געוואָרען אויפ׳ן אַלטען נוסח. און ווער ווייסט, וויפיל צרות און אומגליקען די וועלט וואָלט זיך געווען דערשפּאָרט, ווען ווילסאָנ׳ס קלוגע ווערטער וואָלטען דעמאָלט געווען געשענקט ווערען מעהר אויפמערקזאַמקייט נאָר: אַלץ די מעשה די אַנטאַנט איז געווען שכור פון איהר זיג און דער צד שכנגד איז געווען מושפל עד שאול תחתיה, פול צרות, הונגער, נויט, מען האָט בכן אויסגעהערט ווי למשל, אַ תלמיד חכם, בשעת ער רעדט וועגען ווילסאָנ׳ס פאָדערונגען מיט גרויס דרך ארץ, אַזוי ענין תשובה, דערנאָך דאַווענט מען מנחה און מען געהט אַהיים און... עולם כמנהגו נוהג.

איצט איז געקומען די צייט, זיך צו דערמאָהנען אין די פאָדערונגען פון ווילסאָן, די גאַנצע וועלט איז פערטרונקען אין אַ ים פון צרות, אַלע לענדער זענען אין נויט. האָט אַ לאַנד אַ סך תבואה, איז רוב טובה, קען מען זי נישט פּטור ווערען, די קאָנקורענץ איז גרויס, די פּרייזען פאַלען, דער פּויער לײדט און מיט איהם דער סוחר, דער פאַבריקאַנט א. א. וו. האָט אַ לאַנד אַ סך אינדוסטריע, קען מען די סחורות נישט פּטור ווערען, דער פאַבריקאַנט קען די חובות נישט צאָהלען, די אַרבייטסלאָזיגקייט וואַקסט און מיט איהר די נויט. ובפרט אין די מדינות וואָס מוזען נאָך צאָהלען רעפּאַראַציעס, איז דאָס אומגליק נאָך גרעסער, נאָך מורא׳דיגער, ממש עד כלות־הנפש.

אין די לעצטע טעג הערען זיך בכן שטימען, וואָס קלינגען ווי אַ דערלייזונג. אין אַמעריקע, וואָס איז הײנט דער גלויביגער פון דער גאַנצער וועלט, אין אַמעריקע, וואָס אַלע קריג־פיהרענדע מלוכות האָבען ביי איהם געליען געלד און לייהען הײנט, ווייל זיי קאָנען נישט אָבצאָהלען, — אין דעם אַמעריקע איז מען געקומען דערצו, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, מען זאָל אויפהערען צו צאָהלען בכלל רעפּאַראַציעס. דאָרט האַלט מען, אַז וואָס דער קריג האָט צושטערט — איז צושטערט, און אַ צושטערטע זאַך קען מען נישט און זאָל מען נישט אויפבויען. אין אַמעריקע שטעהען אַ סך פּאָליטיקער הײנט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען זאָל בכלל באַלאָזען אַלע רעפּאַראַציעס, אַלע קריגס־ענטשעדיגונגען און אָנהויבען אַ נייע וועלט פון אלף בית. אַ וועלט, וואָס האָט גאָרנישט צו טוהן מיט די אַלטע צרות...

* * *

דער געדאַנק איז גוט, עדעל און ריין מענשליך. ער איז אפשר אויך דורכפיהרבאַר, אויב אַמעריקאַ וועט נאָר וועלען.

י. פּ.

די ראָלע, וואָס די סאָוויעטען שפּילען אויפ׳ן מאַרק

פון יעדען אייראָפּעאישען לאַנד

ה. ד. ניקערבאַקער, דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו־יאָרקער „איווינג פּאָסט", וועלכער האָט אַ צייט פערבראַכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט איצט בעזוכט אַ רייה גרויסע שטעט אין אייראָפּע, וואו די סאָוויעטישע סחורות ווערען פערקויפט. אין זיינע רייזע־אַרטיקלען שרייבט ניקערבאַקער.

אמת, טאַקע, סאָוויעט־רוסלאַנד פערקויפט איהרע סחורות ביליגער ווי אַנדערע לענדער, און דאָס איז, נאַטירליך, די הויפּט־אורזאַך, וואָרום די גרויסע אינדוסטריעלע לענדער האָבען זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקען.

דאָס, וואָס רוסלאַנד פערקויפט ביליגער סחורות שעפּט נאָך נישט אויס די גאַנצע פראַגע. מ׳האָט גערעדט וועגען פעראייניגען די גרויסע לענדער פון דער וועלט געגען רוסלאַנד און באָיקאָטירען איהרע סחורות. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז נישט נאָר אַזאַ לייכטע זאַך, די פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע איז אַזאַ, אַז איינציגע לענדער שטעלען זיך אויפ׳ן זייט פון סאָוויעט־רוסלאַנד און נוצען זי אויס אַלס אַ שטאַרקען סטראַטעגישען פּונקט אין די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע מלחמות צווישען זיך.

אויב איהר קענט נישט בעזוכען רוסלאַנד און זעהן, וואָס זי פּראָדוצירט און שיקט אַרויס קיין אויסלאַנד, זאָגט ניקערבאַקער, וועט איהר קריגען אַ בעגריף וועגען דעם, ווען איהר געהט אַריין אין דער רוסישער אויסשטעלונג אין דער איטאַליענישער שטאָט מילאַן. איהר וועט אויך זעהן וויפיל פרייהייט די באָלשעוויסטישע האַנדעלס־פערטרעטער האָבען אין דער פאַשיסטישער איטאַליען. די גאַנצע געביידע פון דער אויסשטעלונג איז בעהאַנגען מיט רויטע קאָמוניסטישע פאָהנען, און, אַז איהר וועט ווייטער פאָרשען, וועט איהר אויסגעפינען ווי שטאַרק די פאַשיסטישע רעגירונג העלפט זיי אַרויס.

איהר קריגט דאָרט אַלערליי סאָרטען אַרטיקלען פאַר אַ סך ביליגער ווי אין אַנדערע לענדער. אַפילו מאַקאַראָנים (אַזוינע לאָקשען) קריגט איהר ביליגער און בעסערע ווי אין איטאַליען גופא, די געבורטסלאַנד פון מאַקאַראָנים. וועגען געהילץ, תבואות, קאַטאַן, פלאַקס און ענליכע אַגריקולטור־שטאָפען איז דאָך אָפּגערעדט. איהר זעהט דאָרט אויך אַזוינע שפּייזען און אַרטיקלען, וואָס די בעפעלקערונג אין רוסלאַנד זעהט עס נישט אָן. עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז דעם רוסישען פויער לאָזט מען איבער נאָר דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע. אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט, און אַלעס איבעריגע נעהמט צו די רעגירונג אויף צו עקספּאָרטירען קיין אויסלאַנד, אום צו שאַפען געלד אויף קויפען מאַשינען פאַר פאַבריקען און טראַקטאָרס פאַר די פעלדער.

לעצטען יאָהר האָט איטאַליען, צום בײשפּיל, געקויפט ביי סאָוויעט רוסלאַנד פאַר איבער אַ מיליאָן דאָלאַר זייד־וואָרים, בשעת אין רוסלאַנד איז אַ זעלטענהייט צו זעהן אַ זיידענע פּאָר זאָקען, נאָך זעלטענער ווי ווייסען ברויט.

אויף דער אויסשטעלונג ווייזט מען אייך 39 סאָרטען ווייץ און מעהל, פיר סאָרטען צוקער. אָבער לעצטען הערבסט האָט מען אין דער גרויסער שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק נישט געקענט געפינען קיין שטיקעל צוקער.

דער רוסישער עקספּאָרט, איז נאָך דערווייל אַ סך קלענער ווי אין די צייט פאַר דער מלחמה. דעם לעצטען יאָהר, 1930, האָט דער עקספּאָרט דערגרייכט 66 פּראָצענט פון דעם עקספּאָרט פאַר דער וועלט־קריג. אין 1913 האָט רוסלאַנד אַרויסגעשיקט פאַר 750 מיליאָן דאָלאַר סחורה קיין אויסלאַנד. אין 1930 האָט סאָוויעט רוסלאַנד עקספּאָרטירט פאַר 500 מיליאָן דאָלאַר. אַ סך סחורות, אַפילו תבואה, ווי למשל, קאַטאַן, האָט סאָוויעט רוסלאַנד ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געמוזט ברענגען פון אויסלאַנד. קאַטאַן האָט זי אין 1928, דעם ערשטען יאָהר פון דער פּיאַטילעטקע, געקויפט 300,000 פּעק ביי אַמעריקע.

וואָס ווייטער, אָבער, פּראָדוצירט זי און עקספּאָרטירט אַלץ מעהר, איבערהויפּט תבואה. דער פינף־יאָהר פּלאַן זוכט איבערצויאָגען דעם צאַרסקען עקספּאָרט. תבואה קען רוסלאַנד פערקויפען ביליגער ווי אַ סך אַנדערע אַגריקולטורעלע לענדער, איבערהויפּט אַמעריקע, צו פּראָדוצירען אַ בושעל ווייץ קאָסט רוסלאַנד אַן ערך פון 50 ביז 60 סענט. איינציגע לענדער, ווי אַמעריקע, קאָסט עס ביז אַ דאָלאַר און מעהר, קען רוסלאַנד מיט די לייכט קאָנקורירען.

נעמט טאַקע רוסלאַנד צו אַ סך ביי אַמעריקע. איצט איז עס נאָך לייכטער פאַר רוסלאַנד, ווייל אַ סך אייראָפּעאישע לענדער זענען שטאַרק געטראָפען געוואָרען פון דעם אַמעריקאַנער הויכען טאַריף, און זיי ווילען אויף צו להכעיס קויפען בעסער רוסישע סחורות איידער אַמעריקאַנער. גיט, למשל, איטאַליען דיזעלבע סחורה פאַר דעם זעלבען פּרייז, וועט זי בעסער קויפען ביי רוסלאַנד, איידער ביי אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער האַנדעל אין איטאַליע איז זינט 1929 געפאַלען, און דער רוסישער אין איטאַליען איז געשטיגען.

די איטאַליענישע רעגירונג זאָגט אָפען: „מיר האָבען קיין מורא נישט פאַר דער רויטער האַנדעלס־געפאַהר".

איטאַליע לײדט קאָמערציעל פון דעם אַמעריקאַנער טאַריף. איז, נאַטירליך, אַז זי זאָל זוכען אָפּצומאַכען דעם פערלוסט דורך מסחר מיט רוסלאַנד. ס׳זענען פאַראַן אָבער נאָך אורזאַכען פאַר האַנדלען מיט רוסלאַנד, פּאָליטישע אורזאַכען. מיט פראַנקרייך איז זי נישט גאָר חבר׳יש, און פאַר דעמאָקראַטישע רעגירונגען האָט מוסאָליני אַ ביסעל מורא. ער חלומ׳ט נאָך אַלץ צו פערווירקליכען אַ פעראייניגונג פון די בעזיגטע צענטראַל־אייראָפּעאישע מלוכות — דייטשלאַנד אריינגערעכענט — אַלס אַ פּאָליטישער פערבאַנד געגען פראַנקרייך און איהרע פערבינדעטע, לוינט זיך דעריבער פאַר דער פאַשיסטישער רעגירונג צו זיין פריינדליכער מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע איז אויך אַ דיקטאַטור און איז אויך געגען דעמאָקראַטישע רעגירונגען.

איטאַליע קויפט איצט אייל פאַר איהר פלאָט ביי רוסלאַנד. פריהער ביי דער אַמעריקאַנער „סטענדאַרד אייל" און „שעל", רוסלאַנד רעכענט זיך שוין איצט די צווייטע אייל־פּראָדוצירענדע לאַנד אין דער וועלט (אַמעריקע איז די ערשטע). אַן אַמעריקאַנער אייל־מאַגנאַט האָט זיך דעריבער אויסגעדריקט, אַז „דער פינף־יאָהר פּלאַן איז אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אונז".

אין דער זעלבער צייט בויט איטאַליע אַעראָפּלאַנען פאַר רוסלאַנד און אויך אַנדערע סאָרטען מאַשינען, וואָס קענען גוט צונוץ קומען אין אַ מלחמה־צייט.

פראַנקרייך האָט אויך גענומען קויפען ביי רוסלאַנד אייל פאַר איהר פלאָט, זי נוצט דאָס אויס רוסלאַנד אין איהר אינטערנאַציאָנאַלען דיפּלאָמאַטישען שאַך־שפּיל מיט אַמעריקאַנער און אַנדערע אייל־פירמעס.

דער דאָזיגער דיפּלאָמאַטישער שפּיל, וועלכער ציהט זיך שוין אַ יאָהר זיבען, געהט אָן איבער די אייל־פעלדער פון איראַק, די נייע אַראַבישע מלוכה אין מעסעפּאָטאַמיע, וועלכע שטעהט אונטער דער ענגלישער אויפזיכט. די דאָזיגע אייל־קוואַלען האָבען אויך געדינט אַלס איינע פון די אורזאַכען פון דעם וועלט־קריג. דייטשלאַנדס פּלאַן צו בויען אַן אייזענבאַהן נאָך באַגדאַד האָט אויך אַריינגענומען די דאָרטיגע אייל־פעלדער. ווען דייטשלאַנד האָט פערלאָרען דעם קריג, זענען די פעלדער אַריבער אין רשות פון ענגלאַנד, אָבער די פעראייניגטע שטאַטען און פראַנקרייך האָבען דאָרט אויך אַ חלק. אַזוי ווי פראַנקרייך נויטיגט זיך זעהר שטאַרק אין אייל, ווייל זי האָט נישט קיין אייגענע אייל־קוואַלען, האָט זי גענומען צואיילען, מ׳זאָל ענטוויקלען די קוואַלען פון איראַק און אַרויסציהען וואָס מעהר אייל.

פראַנקרייך איילט זיך צו פּראָדוצירען וואָס שנעלער די אייל, אָבער פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע לוינט זיך עס נישט.

דאָ האָט זיך אַינטערגערוקט סאָוויעט רוסלאַנד, וועלכע קען פּראָדוצירען וועלטען מיט אייל, גוטע אייל, און ביליג. און פראַנקרייך ברויכט דעם סאָוויעטישען אייל אַלס אַ וואָפע צו צווינגען ענגלאַנד און אַמעריקע וואָס שנעלער צו בויען די ליניע פון די איראַק־פעלדער צום מיטעללענדישען ים.

די דאָזיגע ליניע דאַרף אָפּקאָסטען אַרום 50 מיליאָן דאָלאַר.

אין דעם טומעל און געשריי, וואָס איז אויפגעהויבען געוואָרען געגען דער געפאַהר פון די רוסישע סחורות, איז צו בעמערקען, אַז יעדע לאַנד האָט געהאַט בלויז זיך אַליין אין זינען. ווען די אייראָפּעאישע לענדער האָבען זיך צונויפגענומען און בעשלאָסען צו באָיקאָטירען רוסישע סחורה, האָט פראַנקרייך אין איהר פערבאָט אויסגעלאָזען דעם הויפּט־אַרטיקעל, פּעטראָלעאום (אויל) און אַלע אייל אַרטיקלען, וואָס מאַכען אויס ביי דרייסיג פּראָצענט פון דעם רוסישען עקספּאָרט קיין פראַנקרייך. פראַנקרייך האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען אייראָפּע, נאָר וועגען זיך אַליין.

אומגעפעהר דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען אַנדערע לענדער.

דער שלאַגענדסטער פאַל איז מיט די צוויי גרויסע האַפען־שטעט אַנטווערפּען און ראָטערדאַם.

ניין און צוואַנציג רוסישע שיפען, אָנגעלאָדען מיט צוויי מיליאָן בושעלס תבואה, האָבען זיך געצויגען פון דעם שוואַרצען ים, דורך׳ן מיטעללענדישען, אַטלאַנטיק, צום האַפען פון אַנטווערפּען. אָבער גראָד יענעם טאָג האָט דער בעלגישער מיניסטערן־קאַבינעט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג וועגען דער „רויטער געפאַהר" און בעשלאָסען נישט אַריינצולאָזען די רוסישע תבואה. דעם זעלבען נאָכמיטאָג האָט די „פּאָליט־ביוראָ" פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג אין מאָסקווע, און אין אָוונט האָבען די קאַפּיטאַנען פון די 29 שיפען געקראָגען דורך דער ראַדיאָ אַ קורצען בעפעהל: „מיידט אויס אַנטווערפּען און שטעלט זיך אָפּ אין ראָטערדאַם".

אַנטווערפּען איז בעלגיע, ראָטערדאַם איז האָלאַנד. אַנטווערפּען און ראָטערדאַם זענען ביידע גרויסע האַפען־שטעט, פון די גרעסטע אין דער וועלט. ראָטערדאַם — דער פערטער גרעסטער אין דער וועלט, און אַנטווערפּען דער פינפטער. צווישען אַנטווערפּען און ראָטערדאַם עקזיסטירט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ און אַ שנאה. פאַר אַנטווערפּען איז נישט רוסלאַנד אַ געפאַהר, נאָר ראָטערדאַם, און פערקעהרט.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון אַריבערשמוגלען ביליגע רוסישע תבואה פון האָלאַנד קיין בעלגיען.

אַמעריקע האָט דאָרט, פאַר דער צייט, פערלוירען איבער פינף מיליאָן דאָלאַר מסחר.

PORADNIA
WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט־קראַנקה.
און טעגער־שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער.
קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען־קראַנקהייטען.
קוואַרץ־לאַמפּ. עלעקטרישער הייל־קאַבינעט קאָסמעטיק.
— — עפען פון 8 פריה ביז 9 אָוונט. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ.
בעזונדער אַ פרוי־דאָקטאָר נור קינדער און פרויען זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— בעזונדערע וואַרטע־ציממער פאַר פרויען. —
וויזיט 3 זל.

אַן אַלטער יודישער מאַטיוו

דער ענין לודוויג־קאָהן לאָזט זיך אַרומרע־ען. נישט ווייל דער ענין איז אַזאַ נייער־אין מען קען אַ סך בייזס וועגען איהם זאָגען. אַז יודען האָבען אָפט ליב איבערצובייטען זייערע נעמען אויף נישט יודישע, און אַז זייערע קינדער זענען אָפט — כאָטש נישט אַזוי אָפט שוין, מוז מען צוגעבען — חוזר בתשובה און ווילען זיך אומקעהרען דיקא צו די עכט יודישע נעמען פון זייערע אור־עלטערען — איז שוין אַ בעקאַנטע זאַך.

אויך דער איינציגער מוסר השכל פון דער מעשה לודוויג־קאָהן אַז ס'איז שווער מיט געוואַלד זיך צו אַסימילירען, אַז אַסימילאַציע העלפט נישט — איז שוין אַ אַלטער גוט בעקאַנטער מוסר השכל.

עמיל לודוויג איז נישט דער ערשטער בעריהמ־טער יוד, וואָס האָט זיך בלפהסיה אומגעקעהרט צו זיין אַמאָליגען יודישען נאָמען נאָך דעם ווי מיר האָבען געמיינט אַז ער איז שוין געוועזען אינ'ם אלף השישי פון אַסימילאַציע.

גרעסערע און קלענערע פון איהם האָבען זיך צוריקגעקעהרט אָדער זענען צוריקגעטריבען גע־וואָרען צו זייער שטאַם.

אונזער געשיכטע — די אַלטע און די נייע — ווייסט פון אַ סך אַזעלכע בעלי תשובה. און ער איז מסתמא נישט דער לעצטער.

דער מאַטיוו „יצא יחזר" איז אַ אַלטער יודי־שער מאָטיוו. אַ אַלטער. און ער וועט זיין אַזוי לאַנג ביי ביז וואַנען עס וועלען זיין אָט די אומגעלומפער־טע נישט קולטורע'לע פיינדשאַפטען צווישען פעלקער.

יודען לויפען אַהין און צוריק.

אַסימילאַציע איז אונמעגליך; אַסימילאַציע העלפט נישט...

אַ אַלטער מוכר השכל.

סענסאציאָנעלע ערקלערונג האָט קיינעם נישט אי־

און דער אמת איז אויך אַז עמיל לודוויגס בערדאשט; איז קיין סענסאַציע נישט געוועזען.

און פראסט פשוט דערפאַר ווייל אַלע האָבען געוואוסט אַז זיין „אמת'ער נאָמען" איז געוועזען נישט לודוויג נאָר קאָהן.

אַלע האָבען עס געוואוסט.

ווער אַלע? אַלע די וואָס אינטערעסירען זיך און האָבען אַ בעזונדער תשוקה נאָכצופאָרשען און אויסצוגעפינען די „אמת'ע נעמען" פון בעריהמט־הייטען. און די זענען פון איין זייט אונזערע נאַצי־יאָנאַליסטען, און פון דער צווייטער זייט להבדיל די אַנטיסעמיטען.

און מיר מוזען צוגעבען אַז די אַנטיסעמיטען זענען גרעסערע בריות פון אונזערע נאַציאָנאַליסטען אויסצוגעפינען די עכטע יודישע נעמען, וועלכע בעהאַלטען זיך אַזוי קונציג אָפט אונטער עכט אַרישע.

ווילט איהר וויסען צי פלוני ופלוני וועלט בעריהמטהייט איז אַ יוד לייענט די אַנטיסעמיטישע צייטונגען. און בעזונדערס די דייטשע אַנטיסעמי־טישע אויסגאַבען, וועלכע זענען אַלס עכט דייטשע נאַטירליך זעהר גרינדליך.

און די דייטשע אַנטיסעמיטען האָבען אויך אין דער אמת'ען מעהר פון אונז „גרונד" געהאַט צו זוכען דעם כהן אין דעם לודוויג.

האָט ער דען נישט געשריבען אַ נישט פאַטריאָ־טישע ביאָגראפיע פונ'ם עקס־קייזער?

און וואָס עס האָט זיי נאָך מעהר פערדראסען: האָט ער דען נישט אָנגעשריבען דאָס בוך „דער מענשען זאָהן"?

אַזוי וואָכעדיג, כמעט חילול הקודשדיג און כמעט זשורנאליסטיש צו שרייבען וועגען דעם „מענשען־זאָהן" וועגען ישוע הנוצרי אַליין — קען נאָר אַ יוד.

און די דייטשע היטלעריסטען האָבען דעם מחבר פון „מענשען זאָהן" שוין לאַנג צוריק אַ נאָ־מען געגעבען: „דער מענשען קאָהן".

און מיט אונזער גאַנצען רעספעקט צו דעם נייעם בעל תשובה אונזערען (און פאַר בעלי תשובה מוז מען דאָך האָבען רעספעקט: זיי גרייכען דאָך כידוע, אָפטמאָל צו די הויכען וואו צדיקים גמורים קענען נישט צוקומען) מוזען מיר דאָך צוגעבען אַז די גאַנצע מעשה זעהט אונז אויס אויב נישט אַביסעל מעלאַדראמאטיש איז אַביסעל שוין צו זשורנאליסטיש...

והארום אין תוך גענומען איז עס נישט פון גרויס אינטערעס צי ער וועט ווייטער שרייבען אונטער דעם נאָמען קאָהן אָדער לודוויג.

דאָס קען אינטערעסירען נאָר זיינע צאָהלרייכע „פערלעגער" אָבער נישט זיינע לעזער יודישע צי נישט יודישע.

וועמען זשע סטראשעט ער אַצינד, צי וועמען בעט ער איבער אַצינד מיט זיין שינוי השם?

וועלען די נייע אויסגאַבען פון זיינע אַלטע ווערק ווערען בעסער ווען זיי וועלען גע'חתמעט ווערען פון עמיל קאָהן אַנשטאט עמיל לודוויג? צי וועלען זיינע נייע ביאָגראפיעס פון בעריהמטע מענשען ווערען בעסער ווען זיי וועלען געשריבען ווערען פון עמיל קאָהן אַליין?

נישט מיט אַ יודישען נאָמען ווערט מען יודיש און מען קען זיין אַ גלענצענדער יוד אַנשטאט אַ נישט יודיש קלינגענדען פסעוודאָנים.

מאַקס נאָרדוי, צום ביישפיל, האָט זיך נישט צוריקגעקעהרט צו זיין אַלטען פאַמיליען־נאָמען ווען ער האָט זיך „צוריקגעקעהרט" צו אונז יודען. ער איז געבליבען נאָרדוי — איינער פון די שטאלצסטע

איבער דעם פאַקט וואס דער בע־רימטער פובליציסט עמיל לודוויג האט צוריקגענומען זיין יודישען נאמען לודוויג קאהן

פון לעא קעניג

יודען פונ'ם יאָהרהונדערט.

און דאָך... נאָר אַ יוד, און נאָר אַ שרייבער, קענען אָבשאַצען די גרויס... כמעט מיסטישע בע־דייטונג פון אַזאַ „קליינע קייט" ווי אַ נאָמען.

אַ נאָמען קען זיין אַמאָל אַ גרויסע שטערונג פאַר אַ קאַריערע און אַמאָל פערקעהרט אַ גרויסע הילף.

אין דעם גלויבט יעדער יוד און יעדער קינסט־לער. און פאַר אַ יודישען קינסטלער האָט דעם אויסוואַהל פון אַ נאָמען אַ דאָפעלט וויכטיגע בע־דייטונג.

על פי שכל זעהט עס טאַקע אויס אַז לודוויגס ביכער וואָלטען נישט פערלוירען און נישט גע־וואונען, ווען זיי זענען גע'חתמעט פון קאָהן און נישט לודוויג. אָבער ווער קען עס מיט זיכערקייט זאָגען, אַז דער זעלבער שרייבער וואָלט מיט דעם זעלבען לייכטען גלאַנץ געשריבען די זעלבע ווערק אונטער דעם לאַסט פון אַזאַ נאָמען ווי קאָהן?

וואָלט ער נישט ערנסטער און שווערער גע־וואָרען ווען ער שרייבט לכתחילה מיט דעם בעוואוסט זיין אַז ער איז אַ קאָהן. וואָלט ער געהאַט דעם זעלביגען פעהיגען און גלענצענדען סטיל?

און נאָך אַ האַרבערע פראַגע איז: וואָלטען זיינע ביכער געהאַט דעם זעלבען גרויסען ערפאָלג אין אַלע שפראַכען, ווען זיי זענען פון אָנפאַנג אָן געחתמ'עט מיט'ן נאָמען קאָהן.

עמיל לודוויג איז אייבער פון די פאָפולערסטע ביאָגראפער פון אונזער צייט (פאָפולערער אפשר פון אַנדרע מאָרויא — אַגב אויך אַ יוד, אויך אַ בעהאַל־טענער „קאָהן"); לודוויג'ס ביכער ווערען געדרוקט צוגלייך אין עטליכע שפראַכען און צוגעהען זיך אין הונדערטער טויזענדער עקזעמפלאַרען. וואָלטען די זעלבע ביכער זיינע געהאַט דעם זעלבען אונ־געהויערען ערפאָלג ביי די גרויסע מאַסען לעזער — אַפילו יודען — ווען זיי זעהען אַז זיי זענען געשרי־בען פון אַ קאָהן?

ווילהעלם דער צווייטער — פון עמיל קאָהן.

נאַפּאָלעאָן — פון עמיל קאָהן.

דער מענשען־זוהן — פון עמיל קאָהן.

עמיל לודוויג אַליין — פון עמיל קאָהן...

וואָלטער די און אַנדער'ע פון קאָהן'ס ווערק געהאַט דעם זעלבען ערפאָלג ווי עמיל לודוויגס?

ווער קען דעריף מיט זיכערקייט ענטפערען?

ווי געזאָגט, קען מען וועגען דעם ענין לודוויג־קאָהן אַ סך, זעהר פיל רעדען. אָבער איך וויל אַצינד נאָר נאָך איין זאַך צוגעבען:

וואָס וואָלט געווען ווען אַלע אונזערע לודוויגס אין אַלע שפראַכען און ליטעראַטורען און אויף אַלע אַנדערע געביטען פונ'ם מענשליכען שאַפען וואָלטען זיך פלוצלונג אומגעקעהרט צו זייערע אַלטע יודישע נעמען?

וואָס וואָלט די וועלט דערצו געזאָגט? און וואָס וואָלטען מיר יודען אַליין דערצו געזאָגט?

— ווייל וויפיל מיר ווייסען נישט פון זיי, פון די פערמאַסקירטע לודוויגס — אַ דאַנק די אייביגע פרייגדליכע און פיינדליכע זוכער פון יודען און יודישקייט, זענען מסתמא נאָך פערהאַן הונדערטער בעריהמטע געלעהרטע, קינסטלער און שריפטשטע־לער אין אַלע שפראַכען און לענדער וואָס קיינער איז זיי דערווייל נאָך נישט חושד אַפילו אַז זיי זענען צי זיי שטאַמען פון יודען.

וואָס וואָלט געווען ווען די אַלע מאָדערנע מאַראַנען ווער'ען פלוצלונג נתגלה פאַר דער וועלט מיט זייערע אמת'ע יודישע נעמען?

און אפשר וואָלט עס שוין גאָר קיין רושם נישט געמאַכט נישט אויף דער וועלט בכלל.

ווארום וואָס וועט אימיצען אַרויסקומען אַז מען וועט וויסען אַז נאָך אַ פאַר הונדערט בעריהמט־הייטען זענען יודען?

די אַנטיסעמיטען וועלען נאָך אַנטיסעמיטישער ווערען; די ציוניסטען, להבדיל, נאָך ציוניסטי־שער... און סתם יודען וועלען מיט צופרידענהייט ווייטער קרעכצען:

אַז מיר זענען פאַרט אַ מאָדנע פאָלק אין אַ מאָדנער וועלט...

פסיכאָאַנאַליזע

פון פראָפ. **בן־ציון ראזענצווייג**

מיר לעבען אין דעם יאָהר הונדערט פון רע־וואָלוציעס און רעוואָלאַציעס. דאָס, וואָס עס פאַסירט יעדען טאָג אויף דעם געביט פון טעכניק, פון פיזיק און פסיכאָלאָגיע. דאָס זענען נייע האָריזאָנטען, דאָס ענטפלעקט פאַר אונזערע אויגען אומבעקאַנטע וועלטען, ביז איצט פערנעפעלטע, נישט דערפאָרש־טע און סודות'דיגע. די פיזיקער האָבען צוגערעקעלט דעם אטאם צו עלעקטראָנען, פראָפ. פיקאַרד האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין פליה אין דער סטראַטאָספערע, פרויד האָט בעלויכטען מיט נייע רעפלעקטאָרען די נישט־דערגרייכטעווערטע וועלט פון דער נשמה, האָט געשאַפען די פסיכאָ־אַנאַליזע.

כאָטש אַלדי דערפינדונגען און פאָרשונגען האָ־בען אויך זייערע נעגאַטיווע און דעסטרוקטיווע זייי־טען, כאָטש דער פועל יוצא פון דעם היינטיגען פראָגרעס איז אויך די אַרבייטסלאָזיגקייט, וואַרען די מאַשין, די אויטאָמאַטען זענען אַ סך ביליגער, פונ'ם עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט, און פערטרעטען טויזענדער פון מענשען, מוז מען דאָך זיך ענטוזי־יאַזמירען מיט די אויפטועכצער פון די היינטיגע נאַפּאָלעאָנ'ס, וועלכע הרג'ענען נישט אויס מיל־יאָנען מענשען, נאָר אַרבייטען שטיל אין זייערע כעמישע לאַבאָראַטאָריען און סעמינאַריומס. דאָס זענען די פראַמעטער פון דער מענשהייט, די גרעסטע העלדען, וועלכע די געשיכטע האָט אויסגערעכענט. צו זיי געהערט דער גרויסער שאַפער פון דער פסיכאָאַנאַליזע — זיגמונד פרויד.

עס איז שווער צו פאָפולאַריזירען אַ פילאָזאָ־פישען סיסטעם. און די פסיכאָ־אַנאַליזע איז לויט איהר מהות דיקא א פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג. איהר גאָט, ד יאַקס, אַרום וועלכער עס דרעהט זיך דאָס לעבען לויט דער פסיכאָאַנאַליזע איז דאָס סעקסועלע לעבען, די עראָטיק. אַלץ אין דער וועלט, וואָס דער מענש האָט געשאַפן, האָט אַ סעקסועלען הונ־טער־גרונד, אָדער אַ כעקסועלען בייטעם. עס זענען פערהאַן אַזעלכע פּראָסטע עובדות, אַז עס וויל זיך קוים גלויבען, אַז מיר האָבען זיי אַזוי לאַנג אָהן פרויד'ס טעאָריע נישט פערשטאַנען.

צי וואָלט עמיצער געגלויבט, אַז די צורה פון דעם ברויט דער־מאָהנט די פרויען־געניטאַליען און פון דעם ראגאל פון דעם מעגליכען אבר? און דאָך טייטשט עס אַזוי אויס די פסיכאָ־אַנאַליזע. בכלל זענען די קאָמענטאַרען און פידושים פון דער פסיכאָ־אַנאַליזע בנוגע דעם חלום פשוט אומגלויבליך. פרויד דערציילט וועגען חלומות, וואָס האָבען, ווי עס דאַכט זיך, קיין שום שייכות נישט מיט דעם סעקסו־עלען לעבען און דאָך סימבאָליזירען מיר אַזעלכע געגענשטאַנדען אין אונזער חלום, אַז עס שטעלען זיך אָפט מאָל די האָר קאַפּויר. דער פיס, דער פינגער — דאָס זענען מעגליכע אברים, די האַנד, אַלע רונדע געגענשטאַנדען — ווייבליכע געניטאַליען.

אַמאָינטערעסאַנטעסטען איז דאָס, וואָס פרויד רופט אָן עדיפ־קאָמפּלעקס. עדיפּ דאָס איז געווען אַ גריכישער קעניג, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט זיין אייגענער מוטער לויט פרויד זענען אַלע מענשען אַזעלכע טראַגישע געשטאַלטען. דער קליינ־טשיגער זוהן האָט ליב זיין מוטער נישט בלויז אַלס מאַמע, אָבער אויך אַלס — פרוי. ער האָט ליב צו פיעשטשען זיין מאַמע, זיך צו טוליען צו איהר, און דאַן, ווען ער ווערט עלטער איז ער איי־פערזיכטיג אויף זיין פאָטער און לאָזט איהם נישט צי צו דער מוטער. אידענטיש איז מיט דעם מיי־דעל, דאָס מיידעל האָט ליב אין דעם פאָטער נישט בלויז דעם טאַטען, אָבער אויך דעם — מאַן. איהר פערהעלטעניש צו איהם איז אַנטאַלאָגיש צום פער־העלטעניש פון דעם זוהן צו דער מוטער.

ווער עס וועט זיך דערמאָהנען אין זיי קינד־הייט, וועט צוגעבען, אַז פרוידס עדיפ־קאָמפּלעקס איז נישט קיין שום גוזמא, נאָר דער ריינסטער אמת. אָבער מען האָט געמוזט זיין אַזוי דרייסט ווי פרויד, כדי אַזעלכע רייד אַרויסצוטראָמייטערען אין דער וועלט אַריין. עס איז נישט קיין חידוש, אַז די פסיכאָאַנאַליזע האָט געפונען צוליב אַזעלכע רעוואָלאַציעס אַזוי פיל אָנהענגער און אַזוי פיל שונאים.

די דאָזיגע טעאָריע מיט דעם עדיפ־קאָמפּלעקס האָט אַ געוואַלדיגע בעדייטונג אין דער מעדיצין. מען האָט געפונען אַ מיטעל צ וקורירען נערווען־קראַנקהייטען, וועלכע מען האָט פריהער געהאַלטען פאַר אונהיילבאַר. די נערווען קראַנקהייטען שטאַ־מען על פי הרוב פון אַזעלכע קאָמפּלעקסען. קאָמ־פּלעקס לויט פרויד, הייסט אַ איבערלעבעניש, וועל־כעס מיר האָבען בעהאַלטען טיף, טיף אין דער נשמה אין דעם „אומבעוואוסטען" און וועלכעס עס יאַדעט דאָרט און גיט אונז נישט קיין רוהה. אויב מיר פערגעוויסערען זיך אָבער פון דעם קאָמ־פּלעקס און זענען זיך מתודה, ווען מיר דערציילען איהם, דאַן דערלייכטערען מיר זיך און קענען זיך ווע־רען דאָס זענען די סיבות פון די פסיכיאַטען און די דאָזיגע דאָקטוירים, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט אַזעלכע קראַנקהייטען, מוזען אַ חוץ זייער וויסען, בעזיצען אַ גרויסע אינטעליגענץ און אַ לאָגישען חוש, כדי צו קענען דערפּלאָנטערען די קאָמפּליציר־טע קאָמפּלעקסען.

מיר וועלען דאָ נישט איבער'חזר'ן די ביי־שפּילען פון פרויד אָדער פון זיינע שילער. אונזער אַרטיקעל זאָל בלויז בעקענען מיט דעם קאָמפּלעקס פון די פסיכאָאַנאַליטישע פראַגען און דער לייענער פון פרויד'ס ביכער, פון זיין „פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון דעם אַלטעגליכען לעבען", פון זיין „חלום־בע־דייטונג" און אַנדערע זיינע ווערק וועט מוזען צו־געבען, אַז דאָס, וואָס די כעמיקער האָבען געשאַפען אויף דעם געביט פון פיזיק, האָט פרויד רעוואָלוצ־יאָנירט אויף דעם פעלד פון פסיכאָלאָגיע.

פרויד האָט געפונען נישט בלויז אַ סך תלמידים צווישען געלעהרטע. די גאַנצע היינטיגע ליטעראַטור און קריטיק קאָן אָהן דעם פסיכאָאַנאַליטישען אַפּאַ־ראַט נישט פונקציאָנירען. בפרט האָט פרויד גע־פונען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אַ סך געניאַלע תלמידים ווי למשל פרוסט און אין דער ליטעראַרישער קריטיק האָט מען אָנגעהויבען צו קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף אַזעלכע געניאַלע דיכטער און געטהע און סלאָוואַצקי. עס דערשייבען איצט כסדר נייע פּובליקאַציעס, וועלכע פאָרשען דעם פּרצוף פון אַ דיכטער פונ'ם פסיכאָאַנאַליטישען שטאַנדפונקט, פרויד האָט אַרויסגערופען פונקט ווי איינשטיין אַ רעוואָלוציע אין דער וויסענשאַפט.

אַקראַנץ פּערל פון תלמוד און מדרש

אויב איך וועל זיך פאַר זיך אַליין נישט מטריח זיין, ווער וועט זיך פאַר מיר מטריח זיין? און אויב איך זאָל נאָר פאַר זיך אַליין עפּעס אויפטון טאָ וואָס האָב איך דערמיט אויפגעטון?..

(אבות א).

* * *

אַפילו עופות דערקאָנען ווען מ'לייקט זיי נישט.

(סוטה ל"א).

* * *

מ'לב ... ערשטע פאַר גנבות דרעהט ער זיך ווי ס'אי אַרויס אָבער סוף כל סוף מוז דער גנב אַריינפאַלען.

(סנהדרין ז)

* * *

צוליב דער פעהיגקייט פונ'ם גרויסען, קריגט דער קליינער צו עסען.

(יומא ע"ה)

* * *

אַפילו אין די וואָכעדיגע רייד פון קלוגע מענשען דאַרף מען זיך פערטיפען.

(עבודה זרה י"ט)

אויב דו וועסט אַליין בעזייטיגען דאָס לערנען וועלען שוין שפּעטער קומען פערשידענע סיבות וואָס וועלען דיר נישט לאָזען זיך נעמען צום לערנען.

(אבות ד)

* * *

ביי די שפּראַצונג קאָן מען שוין דעם פרוכט דערקאָנען.

(ברכות י).

* * *

ווען דער „עזעל" געהט אַרויס אַ־דערפריה אין גאַס און ער זעהט, אַז עס רעגענט, געהט ער צוריק אין שטוב און לעגט זיך שלאָפען ווייל ער רעכענט אַז צוליב'ן רעגען וועט דאָך ווערען אַ זול טאָ נאָך וואָס דאַרף ער געהען האָרעווען און פערדינען?

(תענית ז).

* * *

וואויל דעם לאַנד —

וואו דער מלך איז פריי און נאָבעל

און די האַר'ן עסען אין דער ריכטיגער צייט צוליב געזונד און נישט צוליב טרונק.

(קהלות י. י"ז).

* * *

דער איסור צו פערדאַרבען דעם גוף איז גרע־סער פון דעם איסור צו פערדאַרבען דאָס געלד.

(שבת ק"מ).

* * *

אין מיין שטאָט איז מיר גענוג מיין נאָמען, אין דער פרעמד מוז איך האָבען אַ בגד.

(שבת קמ"ה).

* * *

דער שלעכטער מענש ווערט געמשפּט אַפילו אויף די שלעכטס וואָס ער קאָן נאָך אַמאָל טון.

(סנהדרין ע"א)

וואס ר׳ אלעזר בן פדת האט געזאגט און געלערנט

פון — גרשם באדער

אזוי ווי ר׳ אלעזר בן פדת איז אנגעקומען אין ארץ ישראל, האט ער זיך תיכף אוועקגעשטעלט אין א נאהענטער בעציהונג צו אלע חכמים פון יענער צייט. די מיינונגען פון ר׳ חייא זענען פאר ר׳ אלעזר בן פדת שטענדיג געווען א לייכטטורם אויף זיין לעבענסוועג (זעה ירושלמי יבמות פרק ב׳ הלכה ג׳), ווייל ווען די חכמים האבען ציטירט מיינונגען וועגען אנ׳ענין פון „הלכה“, האט מע זיך געוואוסט, אז די מיינונג פון ר׳ אלעזר בן פדת קען גערעכענט ווערען פאר דיזעלבע, ווי די מיינונג פון ר׳ חייא (זעה ירושלמי כתובות פרק ט׳ הלכה ח׳, קדושין פרק א׳ הלכה ד׳).

די יודען אין בבל האבען שטאלצירט מיט זייער לאנדסמאן ר׳ אלעזר בן פדת, וואס ער האט דער־גרייכט צו אזא אויטאריטאטיווער מדרגה, איז דאן יעדעס ווארט זיינס אנגענומען געווארען אין בבל ווי א געזעץ, און ווען ער האט געשיקט אנזאגען, אז די יודען אין בבל זאלען שטענדיג אפהיטען דעם „יום טוב שני של גליות“, איז דאס פערבליבען א געזעץ פון אייביגע צייטען (ביצה דף ד׳ עמוד ב׳).

דער ענין פונ׳ם „יום טוב שני“ איז דאמאלס פאר די יודען אין בבל געווען זעהר א וויכטיגער פראבלעם. איינגעפיהרט איז דאס געווארען אין דער צייט, וואס די וועגען צווישען ארץ ישראל און בבל זענען געווען ווי אפגעשניטען און מען האט זעלטען ווען געקענט שיקען אנזאגען צו די יודען אין בבל, אז דער „בית דין הגדול“ אין ארץ ישראל האט ערקלערט א נייעם חודש.

און כאטש עס וואלטען דאס די יודען אין בבל געקענט אליין בעשטימען, ווייל די בבליים האבען אויך געהאט דיזעלבע ארדנונג פון די חדשים, לויט׳ן חשבון פון דער לבנה, האט פונדעסטוועגען דער „ראש גולה“ אין בבל איינגעפיהרט א צווייטען טאג יום טוב צוליב דעם ספק, טאמער איז דער פון איהם בעשטימטער טאג נישט אין איינקלאנג מיט דער איינארדנונג פונ׳ם „בית דין הגדול“ אין ארץ ישראל.

האט זיך אבער מאנכעס מאל דער וועג קיין בבל געבעסערט און די רוימישע בעאמטען פון ארץ ישראל האבען געלאזט די שלוחים פריי געהען, אנ־גרינגשעצט דעם צווייטען טאג יום טוב און פיל זאגען אין בבל וועגען דער בעשטימונג פון די ימים טובים. האבען די יודען אין בבל אנגעהויבען האבען זיך דאן ערלויבט צו דענקען, אז ווען די שלוחים פון ארץ ישראל קומען אין צייט, דארף מען דעם צווייטען טאג יום טוב לחלוטין נישט פייערען. האט זיי ר׳ אלעזר בן פדת דערפאר אנגע־זאגט אז ווי לאנג זיי וואוינען אין חוץ לארץ, מוזען זיי האלטען צוויי טעג יום טוב.

ביי אנ׳אנדערער געלעגענהייט האט אונזער ר׳ אלעזר געשיקט אנזאגען אין בבל דריי זאכען בנוגע צו דער פיהרונג פון די דארטיגע יודען, דהיינו: „זייט אפגעהיט אין דער ריינקייט פון אייער גוף, זייט אכטונג ביים לערנען צו האבען געזעלשאפט, זייט אויך אפגעהיט אין דער בעהאנדלונג פון ארימע קינדער, ווייל נאר פון זיי קומט ארויס די תורה“ (נדרים דף פ״א עמוד א׳).

וואס ר׳ אלעזר בן פדת האט אויפגעטון אלס ראש ישיבה אין טבריה, איז נישט אינגאנצען בע־וואוסט. מען ווייסט נאר אזוי פיל, אז חוץ די עט־ליכע „הלכות“, איז ער אין „אגדה“ געווען איינער פון די בעדייטענדסטע חכמים. וואס ער האט געזאגט, איז געווען מייסטערהאפט טיפזיניג און דער אמת פון זיינע סענטענצען איז געבליבען אנ׳אייבי־גער. דערביי איז שוין ווייניגער וויכטיג, אויף וועלכען פסוק ער האט יעדען מאמר זיינעם גע־בויעט, ווייל ער פלעגט דרעהען די ווערטער פון די פסוקים אהין און אהער, זיי זאלען שטימען מיט דעם געדאנק, וואס ער האט געוואלט ארויס־ברענגען.

אזוי האט ער למשל געוואלט זאגען, אז ווען איינער קומט פון א וועג, קען ער דריי טעג לאנג נישט האבען קיין קלארען געדאנק צום דאוונען, ביז ער האט זיך נישט גוט אויסגערוהט פון דער דורכגעמאכטער רייזע — און א ראיה דערצו האט ער געבראכט פון דעם, וואס עזרא דערצעהלט, אז ווען ער איז אויף זיין וועג קיין ארץ ישראל צוגע־קומען צום טייך אהוא, האט ער זיך דארט אפגערוהט דריי טעג און ערשט דערנאך האט ער געמאכט א תענית און גאט געבעטען, ער זאל איהם פיהרען אויפ׳ן ריכטיגען וועג. און ווען ער איז שפעטער אנגעקומען אין ירושלים, האט ער ווייטער גערוהט דריי טעג, איידער ער האט זיך גענומען ארומקוקען, וואס ער דארף טאן (זעה עריבין דף ס״ה עמוד א׳).

ביי אנ׳אנדערער געלעגענהייט, צוקומענדיג צו דעם, וואס חנה האט געזאגט צו עלי הכהן: „אל תתן את אמתך לפני בת בליעל“. האט ר׳ אלעזר פערגליכען דעם אויסדרוק „בת בליעל“ צום אויס־דרוק „בני בליעל“, וועלכע געפינט זיך ביי אנ־„עיר הנדחת“, און ער האט געזאגט: „פון דאנען איז געדרונגען, אז ווען א שיכור דאוונט, איז דאס גלייך ער וואלט געדינט די עבודה זרה“ (ברכות דף ל״א עמוד א׳).

נאך א מוסטער פאר׳ן סיסטעם פון ר׳ אלעזר בן פדת ביים צופאסען די אינטייטשונגען פון די פסוקים צום אינהאלט פון זיינע לעהרען, קען מען געפינען אין דעם, וואס ער זאגט, אז ווער עס הויבט אויף א האנד געגען זיינעם א מיטמענש, איז נישט פערהאנען פאר איהם קיין אנדער מיטעל אויף צו בעשטראפען, ווי נאר בעגראבען, ווי דער פסוק זאגט: „צו א מענש פון א שטארקען ארעם בעלאנגט די ערד“ (זעה סנהדרין דף נ״ח עמוד ב׳).

זעהר פיל האט ר׳ אלעזר געהאלטען פון צדקה און ער האט געזאגט: „ווי לאנג דער בית המקדש איז געשטאנען, האט א מענש געקענט געבען זיין שקל פאר א קרבן, אז די זינד זיינע זאל איהם פער־געבען ווערען. אבער היינטיגע צייטען, ווען דער בית המקדש שטעהט נישט מעהר, איז גוט ווען דער מענש טוט צדקה, ווייל ווען א מענש וויל נישט טון קיין צדקה צו יודען, קומען די גוים און נעהמען ביי איהם אלצדינג אוועק מיט געוואלד“ (בבא בתרא דף ט׳ עמוד א׳).

ביי אנ׳אנדערער געלעגענהייט האט ער גערעדט וועגען דער ווערדע פון צדקה און ער האט געזאגט: „צדקה געבען איז וויכטיגער ווי אלע קרבנות“ (סוכה דף מ״ט עמוד ב׳), און „ווען אנ׳ארימאן פערלאנגט צדקה, דארף מען עס איהם געבען אפילו אום שבת“ (כתובות דף ה׳ עמוד א׳).

און טאמער האבען זיך אמאל בעוויזען צדקה־שווינדלער, וואס האבען געבעטען נדבות, כאטש זיי האבען עס נישט געדארפט, האט ר׳ אלעזר גע־זאגט: „מיר דארפען צו אזעלכע שווינדלער דאנק־באר זיין, ווייל ווען נישט די דאזיגע שווינדלער, איז ווען איינער וואלט פערלאנגט צדקה און מען וואלט עס איהם נישט באלד געגעבען, וואלט דער וואס וויל נישט געבען, תיכף בעשטראפט געווארען. אזוי ווי עס זענען אבער פערהאנען שווינדלער, קען מען האבען א תירוץ אויף נישט געבען, ווייל מען קען זאגען, אז מע דענקט, טאמער איז דער ארי־מאן א שווינדלער“ (ירושלמי פאה פרק ח׳ הלכה ט׳).

פארוואס האט דער אויבערשטער בעשאפען די מענשליכע פינגער ווי פלעקלעך? — האט ר׳ אלעזר אמאל געפרעגט און ער האט זיך אליין געענטפערט, אז „ווען א מענש וועט הערען אנ׳אומווירדיגע זאך, זאל ער קענען אריינשטעקען די פינגער אין זיינע אויערען, כדי ער זאל נישט קענען הערען די אומ־ווירדיגע רייד“ (כתובות דף ה׳ עמוד ב׳).

אמאל האט ר׳ אלעזר געוואלט בעווייזען, ווי דער אויבערשטער איז פיל איינזעהעניש מיט די מענשליכע שוואכקייטען, האט ער דאן געזאגט: „ווען א מענש איז אמאל מבזה אנ׳אנדערען מענש און ער וויל זיך שפעטער מיט דעם בעליידיגטען איבערבעטען, קען דער בעליידיגטער זאגען, אז אזוי ווי יענער האט איהם עפענטליך בעליידיגט, דארף ער ברענגען דיזעלבע מענשען, וואס ער האט איהם אין זייער געגענווארט מבזה געווען, זיי זאלען זעהן, ווי ער לאזט זיך איבערבעטען. אבער דער אויבערשטער פיהרט זיך נישט אזוי, ווייל אפילו ווען איינער זינדיגט געגען איהם עפענטליך, איז ער צו־פרידען, צו לאזען זיך איבערבעטען, זאגאר ווען קיינער איז נישט ביים איבערבעטען אנוועזענד“ (פסיקתא רבתי).

מאנכעס מאל האט ר׳ אלעזר ארומגערעדט די שלעכטע מדות פון די מענשען — און וואס ער האט וועגען דעם געזאגט, לייענט זיך אפילו יעצט ווי די ווערטער פון א מאדערנעם מאראליסט.

ווער עס שפעט אפ פון אנדערע — האט ער דאן געזאגט — ווערט געשטראפט מיט יסורים (עבודה זרה דף י״ח עמוד ב׳), און „ווען איינער האלט זיך האפערדיג אנטקעגען זיינע מיטמענשען, איז ער ווערט, מען זאל איהם אונטערהאקען ווי א בוים, ווייל ער מאכט אפילו די שכינה טרויעריג, און דער סוף זיינער איז, אז ער ווערט שפעטער נידעריגער ווי שטויב“ (סוטה דף ה׳ עמוד א׳).

מעהר ווי האפערדיגקייט האט ר׳ אלעזר פיינט געהאט „חנופה“ און ער האט געזאגט: „א מענש מיט חנופה ברענגט דעם אויבערשטען׳ס צארן אויף דער וועלט. אפילו קינדער אין דער מוטער׳ס לייב שילטען איהם און דער סוף זיינער איז, אז ער פאלט אריין אין גיהנום. און ווער עס חנפ׳עט זיך צו א רשע, מוז צום סוף אריינפאלען אין דעם רשע׳ס הענד, און פאלט ער נישט אריין אין זיינע הענד, פאלט ער שפעטער אריין אין די הענד פון זיינע קינדער אדער פון זיינע איניקלעך“ (סוטה דף מ״א עמוד ב׳).

און ווען א גאנצע ערד גיט זיך אפ מיט חנופה — האט ער ווייטער געזאגט — איז זי מיאוס ווי א נדה און דער סוף איהר׳ער איז, אז זי ווערט פער־טריבען (סוטה דף מ״ב עמוד א׳).

ווער עס ענדערט זיין ווארט — האט ר׳ אלעזר ביי אנ׳אנדערער געלעגענהייט געזאגט — איז דאס גלייך ער וואלט געדינט די עבודה זרה (סנהדרין דף צ״ב עמוד א׳), און „ווער עס נארט אפ מיט ווערטער, איז דאס ערגער, ווי ער וואלט אפגענארט מיט געלד“ (בבא מציעא דף נ״ח עמוד א׳).

א מענש, וואס האט נישט קיין שטיקעל ערד, איז — לויט דער מיינונג פון ר׳ אלעזר — נישט גערעכענט פאר א מענש, ווי דער פסוק זאגט „די ערד האט דער אויבערשטער געגעבען צו די מענשען“. אלע בעלי מלאכות וועלען אויך צום סוף בלייבען שטעהען אויף ערד, כאטש ס׳איז נישט פערהאן קיין גראבערע מלאכה ווי ארבייטען ביי ערד. אבער טראץ דער וויכטיגקייט פון דער ערד־ארבייט איז די לאגע פון א סוחר יעדענפאלס א בעסערע (יבמות דף ס״ג עמוד א׳).

די ארבייט פאר פרנסה — האט ר׳ אלעזר אנ־אנדערעס מאל געזאגט — איז געגליכען צו דער ארבייט פאר דער גאולה, קומט דאס צו ווייזען, אז אזוי ווי די גאולה וועט קומען דורך וואונדער, אזוי קומט אויך די פרנסה דורך וואונדער, און אזוי ווי די פרנסה איז נויטיג פאר יעדען טאג, אזוי איז אויך די גאולה צו ערווארטען יעדען טאג (בראשית רבה פרשה ב׳ פיסקא כ״ב).

זעהר א געהויבענע מיינונג האט ר׳ אלעזר געהאט וועגען פערהייראטען לעבען און ער האט גע־זאגט: „א מענש וואס האט נישט קיין ווייב איז נישט פערעכענט פאר קיין מענש, ווי דער פסוק זאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט דעם מענש בעשאפען, האט ער בעשאפען א זכר און א נקבה, און ערשט דאמאלט ווען זיי זענען שוין געווען ביידע צוזאמען, האט ער זיי געגעבען א נאמען מענש (יבמות דף ס״ג עמוד א׳). און רעדענדיג אנ־אנדער מאל וועגען דעמזעלבען ענין, האט ער גע־זאגט, אז „ווען איינער גיט א גט צו זיין ערשטער פרוי, וויינט איבער איהם אפילו דער מזבח“ (גיטין דף צ׳ עמוד ב׳, סנהדרין דף כ״ב עמוד א׳).

ביים לערנען מיט זיינע תלמידים פלעגט ר׳ אלעזר אפטמאל זאגען: „דער אויבערשטער האט בעשאפען דעם מענש מיט פיר הויכע און פיר נידעריגע מעלות. די נידעריגע מעלות פון א מענשען זענען, וואס ער עסט און טרינקט ווי א בהמה, וואס ער מעהרט זיך ווי א בהמה, וואס ער טוט אלצדינג ווי א בהמה און ער שטארבט אויך ווי א בהמה. און די פיר העכערע מענשליכע מעלות זענען, וואס ער שטעהט גלייך, מיט׳ן פנים צום הימעל ווי א מלאך, וואס ער רעדט ווי א מלאך, וואס ער האט שכל ווי א מלאך, אזוי ווי וואס ער קוקט און זעהט אומעטום ווי א מלאך“ (בראשית רבה פרשה ה׳ פיסקא י״א און פרשה י״ד פיסקא ג׳).

א בעזונדערע פערעהרונג האט ר׳ אלעזר גע־פיהלט צו מענשען מיט שכל און ער פלעגט זאגען: „אויף א מענש אהן שכל טאר מען נישט האבען קיין רחמנות, און ווער עס גיט אוועק זיין ברויט צו א מענש אהן שכל, מוזען דערנאך יסורים איבער איהם קומען“ (סנהדרין דף צ״ב עמוד א׳).

זעהר וויכטיג איז אויך געווען אין זיינע אויגען דער כבוד, וואס א תלמיד דארף אפגעבען צו זיין רבי׳ן און ער האט געזאגט: „יעדער תלמיד חכם וואס שטעהט נישט אויף ביים אנבליק פון זיין רבי׳ן ווערט אנגערופען רשע. אזא מענש קען אויך נישט לאנג לעבען, און דאס לערנען זיינס מוז ער פערגעסען“ (קדושין דף ל״ג עמוד ב׳). האלט אבער דער תלמיד חכם אין מיטען לערנען און ער דערזעהט זיין רבי׳ן, איז ער נישט מחויב אויפצו־שטעהען (ירושלמי בכורים פרק ג׳ הלכה ג׳).

מיט אנ׳אייגענארטיגער שנאה האט זיך אונזער ר׳ אלעזר בעצויגען צו אנ׳עם הארץ און ער האט געזאגט: „צו וואס איז דער תלמיד חכם געגליכען בעפאר די אויגען פון אנ׳עם הארץ? גאר צום ערשט דאכט ער זיך איהם ווי א גאלדענע כלי; האט ער מיט איהם געשמועסט, דאכט ער זיך איהם שוין ווי א זילבערנע כלי, און האט ער זיך מיט איהם בענוצט, איז ער שוין אין זיינע אויגען ווי אנ׳ערדענע כלי, וואס ווען זי ווערט צובראכען קען מען זי נישט מעהר פערריכטען“ (סנהדרין דף נ״ב עמוד ב׳).

וועגען דעמזעלבען ענין האט ער ביי אנ׳אנ־דערער געלעגענהייט געזאגט: „מיט אנ׳עם הארץ טאר מען זיך נישט לאזען געהען אין וועג אריין“ (פסחים דף מ״ט עמוד ב׳), און „ווער עס איז נישט מהנה א תלמיד חכם פון זיין פערמעגען, קען נישט קיינמאל זעהען א סימן ברכה“ (סנהדרין דף צ״ב עמוד א׳).

כאראקטעריסטיש פאר דער צייט, אין וועלכער ר׳ אלעזר בן פדת האט געלעבט, זענען נאך די פאלגענדע צוויי אויסשפרוכען זיינע:

ווען אנדערע חכמים האבען קרום געקוקט אויף א גוי, וואס האט געוואלט ווערען א יוד און זיי פלעגען איהם אנסטראשען, ער זאל וויסען, ווי שווער עס איז צו זיין א יוד, ווען אנדערע פלעגען זאגען, אז „גרים זענען פאר יודען ווי א געשווילעכץ אויפ׳ן קערפער“ אדער אז „צוליב די גרים קומט נישט די גאולה“, האט אונזער ר׳ אלעזר אמאל געזאגט, אז ווען דער „אויבערשטער האט פערטריבען די יודען פון זייער לאנד און ער האט זיי געמאכט וואוינען צווישען גוים, האט ער דאס בלויז געטון, כדי עס זאלען זיך פערמעהרען די גרים“ (פסחים דף פ״ז עמוד ב׳).

און ווען אנדערע חכמים האבען געזאגט, אז „זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארען, האט דער אויבערשטער אוועקגענומען זיין שכינה צו זיך אין „הימעל אריין“, האט ר׳ אלעזר געזאגט: „סיי דער בית המקדש איז חרוב און סיי ער איז נישט חרוב, איז די שכינה נישט אוועק פון איהר ארט“ (שמות רבה פרשה ב׳ פיסקא ב׳).

א יוד מיט א מאגען...

(שטיפעריי)
פון ב. קאוונער

...אי־אי־אי, זענען דאס פערהאן דאקטוירים, אז קיין גוטער יוד זאל זיי נישט קענען! זיי ווייסען אזוי פון דאקטאריע, ווי א ציג פון תשעה באב. וועה און ווינד איז צו דעם מענשען, וואס פאלט אריין אין זייערע הענט! אזא איינער מעג זיך געזעגענען מיט׳ן לעבען, מעג ער זיך „צוזע־גענען“.

איך האב, נישט פאר אייך געדאכט, צו טון מיט׳ן מאגען. עפעס איז ער מיר נישט מיט אלעמען. דער מאגען מיינער, ווען איך עס נישט, האב איך אפעטיט, און די צונג איז ביי מיר רויט, און ווען איך עס אפ א גוטען מאלצייט, ווערט מיר די צונג ווייס, און איך פערליר דעם אפעטיט.

געה איך צו דאקטוירים!

זאגט איין דאקטאר: „עסט נישט; אז איהר וועט נישט עסען, וועט זיך אייער מאגען אויס־רוהען, וועט ער אייך נישט פערשאפען קיין צרות. און אויב איהר ווילט שוין יא עפעס עסען, זאלט איהר נישט עסען, זאגט ער, קיין רויטע פלייש, נאר א שטיקעל עוף, נישט קיין סך, און טרינקען טיי, הייסע טיי, שלאפע, מיט א סך לימענע און ווינציג צוקער“.

האט עס מיר געהאלפען ווי א טויטען באנ־קעס: ס׳איז מיר נאך געווארען ערגער!

בין איך אוועק צו אנ׳אנדער דאקטאר, גלאט א יוד א שוטה, וואס נעמט פינפערלעך.

קאשערט ער מיר אויס די אויגען, הערט זיך צו צום הארץ, דרעהט מיר ארום א שווארצע שמאטע ארום האנט, קוקט אויף אזא מאכערייקע מיט נומערען און זאגט צו מיר:

— איהר האט א צו הויכען בלוט־דרוק. אזא יוד דארף מעהר נישט האבען ווי הונדערט מיט פינף און־דרייסיג, און איהר האט, קיין עין הרע, צוויי הונדערט: מיט קנאפע זיבעציג מעהר“.

„איז דאך גוט — זאג איך — מעהר איז אלע מאל בעסער. ווען איינער פערמאגט א האלבען מיליאן טולער איז דאך בעסער, ווי ער זאל פער־מאגען פופציג טולער“.

„אמת, — זאגט דער דאקטאר, — אמת, אבער אין הלכות בלוט־דרוק איז בעסער, אז מען האט נישט צופיל“.

הקיצור, אהין־אהער, ער האט ביי מיר צוגע־נומען 5 זל. און מיך געהייסען קומען נאך אמאל; „ער וועט זעהען“.

בין איך אוועק צו א דריטען דאקטאר, מען קען זאגען: א האלבער פראפעסאר.

האט מיך דער האלבער פראפעסאר אויסגע־הערט און מיך געפרעגט: ווי אלט איך בין, און ווי אלט איז געווען מיין טאטע, ווען ער איז געשטאר־בען, און די מאמע, און וויפיל קינדער איך האב און אויב מיינע פעטערס האבען געהאט טשאכאטקע.

זאג איך: הער פראפעסאר, וואס דרעהט איהר מיר א היטעל מיט נארישקייטען? וואס דארפט איהר וויסען פוסטע זאכען, א מעהר מאכט מיך געזונט!“.

זאגט ער: „איך מוז דאס וויסען; אז כ׳וועל וויסען די זאכען, וועל איך וויסען, וואס אייך פעהלט!“

זאג איך: „מיר פעהלט געזונט, אז איך וועל זיין געזונט, וועל איך קיין דאקטאר נישט דארפען“.

זאגט ער: „אויב אזוי געהט אייך צו אנ׳־אנדער דאקטאר; איהר זייט א אידיאט“.

בין איך אוועק צו א פערטען דאקטאר.

איז דער פערטער דאקטאר נאך א גרעסערע בהמה, ווי די ערשטע דריי.

„ראשית וויל איך וויסען, וואס איהר עסט. דאס איז דער עיקר, מחמת איהר האט גאז“.

זאג איך: „איך האב נישט קיין גאז אין שטוב“.

„איך מיין נישט אזא גאז, זאגט ער, „איך מיין גאז אין מאגען, גיפט! דאס קומט פון עסען צופיל און נישט די ריכטיגע מאכלים. איהר טאר׳ט נישט עסען קיין פלייש. אפילו נישט קיין עוף, נאר גרינס: קרויט, מערען, רעטאך, ציבעלעס, סאלאטען, פייגען, ראזינקעס, ניס, עפעל, פלוימען, קארשען און רויטע בוריקעס“.

האב איך דאך געזעהען, אז ער הויבט נישט אן צו וויסען ווער ס׳האט איהם געשלייערט, האב איך איהם געגעבען 10 זל. און אוועק. אט געה איך איהם שוין פאלגען און זיך אוועקזעצען עסען גראז! וואס בין איך א בהמה?

קומט צוגעהען מיינער א פעטער, א מלמד, און זאגט צו מיר: „סענדער (איך הייס סענדער), נאך מיין זיידען הייס איך; זאגט ער צו מיר: „סענ־דער, א שעהנער־פאר דיר ליגט מען אין קבר; הלמאי געהסט נישט אריין צו א דאקטאר?

זאג איך: „איך האב שוין געהאט מעהר דאק־טוירים, ווי איהר האט האר אין אייער שיטער בערדעל; מיין גאנץ פערמעגען איז געבליבען ביי זיי!“

זאגט ער: „דאס איז בלאטע, געלד איז גארנישט. דער עיקר איז דאס קאפ געזונט“, זאגט ער, „קום!“

„וואו זאל איך געהען?“

„קום“, זאגט ער, „מיט מיר צו אונזער פער־איין דאקטאר. ער האט ברוך עליו, דעם זייגער־מאכער׳ס ווייב געהיילט, אמת, ברוך עליו איז, נישט פאר דיר געדאכט, געשטארבען, דאס איז אמת. אבער א גרויסער דאקטאר איז ער. קום!“

פיהרט מיך דער פעטער אריין צו זיין פעראיין־דאקטאר, א הויכער, א דארער, ווי אנ׳אויסגע־טריקענטער לולב, און ער טאפט מיך ארום, שמעקט מיך ארום, און ער פרעגט מיך, וואס איך עס.

זאג איך: „ווי אמאל — אמאל עס איך פיש, אמאל א שטיקעל עוף, א שטיקעל קאטשקע, א טעלער יויך מיט לאקשען. און אויב איך האב נישט קיין אפעטיט, עס איך גארנישט!“

זאגט ער: „עסען מוזט איהר! אויב א מענש עסט נישט, קען ער נישט לעבען. עסען און טרינקען און שלאפען און גוטע לופט האלטען אויף דעם מענשען. ווען אט די אלע זאכען פאלען אוועק, פאלט דער מענש אויך אוועק. נאר וואס־זשע דען? אנשטאט עוף אדער קאטשקע זאלט איהר עסען קאלבס־לעבער, קאלבס־לעבער גיט צו בלוט. און איהר זייט זעהר בלוט ארים. אייער בלוט דרוק איז סך הכל 99, און דארפען דארפט איהר האבען כאטש א הונדערט מיט פערציג! פעהלט אייך אויס, הייסט עס, ארום 68. א נידעריגע בלוט דרוק שוואכט אפ, פערשאפט א קאפ־שווינדעל, א וואקלעניש אויף די פיס. און דאס קענט איהר בעווי־

(ווייטער זעה [illegible] זייט).

אויף יענער זייט סמבטיון

ס'איז א מעשה וועגען די רויטע יודעלער און וועגען א גלח, פון וועמען יודען האבען געליטען גרויסע צרות

פון דר. ז. קאדיש

רבי מאיר בר־יצחק, איז געווען איינער פון די גרעסטע חזנים און פייטנים פארצייטען ביי יודען. ער איז געווען דער חזן אין ווארמס אין איין צייט מיט רש״י׳ס רביים, רש״י אין זיין פירוש אויף תנ״ך דערמאהנט איהם עטליכע מאל, אז ער האט געלערנט פון זיינע רייד (ולמדתי מדבריו של ר״מ בר יצחק שליח צבור זצ״ל״, אין זיין פירוש אויף תהלים ע״ג, 12).

קורץ נאך דער צייט פון ר׳ מאיר ש״ץ האט זיך אנגעהויבען דער ערשטער קרייץ־צוג (ביים סוף פון עלפטען יאהר־הונדערט), און ווינער א זוהן איז געווען איינער פון די יודישע מארטירער, וועלכע זענען דאמאלט אומגעקומען דורך די צלם־פאהרער.

קיין גענויע ידיעות וועגען דעם לעבען פון דעם דאזיגען בעריהמטען חזן און פייטן זענען נישט געבליבען. איבערהויפט ווייסט מען נישט פון וואנען ער האט געשטאמט. מ׳האט דאס, ווייזט אויס, קיינמאל נישט געוואוסט, און אפנים דעריבער טאקע איז זיין נאמען פערבינדען געווארען מיט א מערקווירדיגער לעגענדע פון א רייזע צו די רויטע יודעלעך אויף יענער זייט טייך סמבטיון.

די דאזיגע יודישע פאלקס־מעשה איז געבליבען פערשריבען אין אלטע ספרים נישט אויף העברעאיש, נאר אויף יודיש. דער באקאנטער העברעאיש־יודישער שרייבער און ביבליאגראף יצחק ריווקינד פון ניו־יארק האט פערעפנטליכט פערשידענע נוסחאות פון אט דער מעשה צוזאמען מיט ביאגראפישע און ביבליאגראפישע בעמערקונגען און ערקלערונגען (אין דעם דריטען באנד פילאלאגישע שריפטען פון יודיש־וויסענשאפטליכען אינסטיטוט און אויך אין א בעזונדערען ביכעל).

* * *

לויט דער דאזיגער יודישער לעגענדע איז ר׳ מאיר ש״ץ געווען נישט בלויז א בעריהמטער חזן און פייטן, נאר אויך א העלפער און רעטער, וועלכער האט געראטעוועט יודען פון א גרויסער צרה, אין וועלכער זיי האבען זיך געפינען דורך די אינטריגעס פון א שווארצען מאגאך און כישוף־מאכער.

געווען, דערצעהלט די דאזיגע פאלקס־מעשה, אין דער צייט פון „רבי מאיר חזן פון די טייטשען" א „כומר" א מכשף, וועלכער האט געוואלט אפשמדין און אומברענגען אלע יודען פון דייטשלאנד, און עס האט געהאלטען דערביי, אז עס זאל ווערען פון זיי א כליה.

הכלל, ס׳איז געווען שלעכט, אבער ס׳איז דאך נאך נישט געווען פערלארען יעדע האפנונג, ווארים יודען האבען זיך משתדל געווען ביים קייסער און גע׳פועל׳ט ביי איהם, ער זאל זיי אפלאזען אויף איין יאהר, מיט דעם תנאי, אז אין פערלויף פון אט דער צייט זאל זיך זיי איינגעבען צו קריגען א יודען, וועלכער זאל קענען בעזיגען דעם גלח אין א ויכוח.

האבען יודען געמאכט א גרויסע אסיפה און געזוכט אן עצה, ווי אזוי צו קריגען איינעם, וועלכער זאל האבען דעם כח און דעם מוט זיך צו שטעלען ענטגעגען דעם גלח. איז געבליבען, אז די איינציגע, וועלכע קענען העלפען דערביי, זענען די רויטע יודעלעך פון יענער זייט סמבטיון, און אז מען מוז דעריבער שיקען א שליח צו זיי און בעטען פון זיי הילף. די דאזיגע קלוגע עצה האט געגעבען איינער א חכם אויף דער גרויסער אסיפה, און אלע האבען צוגעשטימט, אז קיין בעסערע עצה קען גאר נישט זיין.

ווארים די רויטע יודעלעך אויף יענער זייט סמבטיון זענען, ווי בעקאנט, פון די פערטריבענע צעהן שבטים. זיי זענען דארטען פרייע מענשען און גרויסע העלדען. זיי ווייסען נישט פון קיין גלות און פון קיין גזירות, און זיי וואלטען שוין לאנג געקומען העלפען זייערע ברידער, די יודען פון גלות. איז אבער די צרה, וואס זיי קענען נישט אריבערגעהען איבער דעם סמבטיון, מחמת דער סמבטיון רוהט נאר שבת, און שבת טארען יודען נישט פאהרען איבער א טייך. אזוי אבער ווי עס האלט ביי „פיקוח נפש", און „פיקוח נפש" איז דאך דוחה שבת, קען א שליח אריבערפאהרען שבת איבער דעם סמבטיון און ברענגען אהער א רויטען יודעלע, וועלכער וועט מאכען א תל פון דעם מאגאך און זיינע כישוף־מאכערייען.

ווער עס זאל זיין דער שליח צו די רויטע יודעלעך, וועגען דעם זענען קיין חילוקי־דעות נישט געווען. אלע האבען איינגעשטימט, אז דער פאסיגסטער מענש פאר אזא שליחות איז דער חזן רבי מאיר, וועלכער איז געווען א גרויסער לערנער און אן ערליכער מאן און האט גערן געטון שטענדיג קהל׳שע ארבייט („אזוי ווארען זי אלע מסכים אויף רבי מאיר דער וואר איין גרויסער לערנער און איין בידער מאן און האט גערן געטאן דעם קהל גוטעס לטובה").

האט מען מיטגעגעבן רבי מאיר׳ן גענוג שפייז און דערצו נאך דריי רבנים, און זיי זענען געצויגען אין גאט׳ס נאמען און דערגרייכט דעם טייך סמבטיון אין א דינסטאג. זענען זיי געזעסען דארטען און געווארט ביז שבת, ווען דער סמבטיון איז געווארען רוהיג. האט ר׳ מאיר דאן געזאגט צו די דריי רבנים, אז זיי זאלען דא בלייבען ווארטען אויף דעם רויטען יודעלע, ווארים צו־וואס זאלען דריי יודען מחלל שבת זיין און פאהרען איבער׳ן טייך, אז ס׳איז גענוג ווען איין יוד טוט עס.

ווי נאר ר׳ מאיר איז אריבער דעם סמבטיון, האבען די רויטע יודעלעך איהם באלד אריינגעזעצט אין תפיסה פאר חילול־שבת. אבער ווען ער האט זיי געוויזען די בריף פון זייערע ברידער און זיי האבען דערהערט, אז אט די ברידער זייערע זענען לאנג שוין אין גלות און זיי ליידען איצט פון א גרויסער גזירה, האבען זיי איהם גלייך ארויסגעלאזט פריי און געווארפען גורל צווישען זיך, ווער פון זיי זאל געהען העלפען יודען. איז געפאלען דער גורל אויף אן אלטען הינקענדיגען יודעל, א קליין מענשעלע מיט׳ן נאמען דן.

אבער ר׳ מאיר ש״ץ איז שוין געבליבען זיין גאנצען לעבען צווישען די רויטע יודעלעך אויף יענער זייט סמבטיון. צוריק פאהרען אהיים האט ער שוין נישט געקאנט איבער חילול־שבת. אפילו ווען ער גופא וואלט עס געוואלט. וואלטען די רויטע יודעלעך איהם נישט געלאזט מחלל־שבת זיין צוליב אזא זאך, ווי פאהרען אהיים צו זיין ווייב און קינדער. ער האט אפילו נישט געקענט אנשרייבען און מיטשיקען א גט פאר זיין ווייב. ווארים מ׳האט נישט געקאנט פערציהען אזא זאך ביז דעם קומענדיגען שבת, און אום שבת שרייבען טאר מען נישט.

ארום און ארום ענדיגט זיך די מעשה פאר אלעמען גוט, פאר אלעמען א חוץ פאר ביידע ווייבער: פאר דער ווייב פון ר׳ מאיר ש״ץ און פאר דער ווייב פון ר׳ דן, דעם הינקענדיגען יודעלע פון יענער זייט סמבטיון. ביידע זענען זיי געבליבען עגונות אויפ׳ן גאנצען לעבען.

וואס איז שייך דער גזירה אויפ׳ן כלל ישראל, האט ר׳ דן, וועלכער האט געוואוסט די „שמות", געמאכט א תל פון דעם מאגאך, און יודען האבען מעהר נישט בעדארפט זיך פארכטען פאר איהם. אויך ר׳ מאיר׳ן און ר׳ דנ׳ען איז געגאנגען גוט. ר׳ מאיר האט אויף יענער זייט סמבטיון חתונה געהאט מיט ר׳ דנ׳ס טאכטער, און ר׳ דן ווידער, האט חתונה געהאט אין ווארמס מיט ר׳ מאיר׳ס טאכטער. ווארים נאכ׳ן דין פון דער תורה מעג דאך א יוד נעמען צוויי ווייבער. ר׳ מאיר׳ס ווייב אבער איז געבליבען אן׳עגונה אויף איהר גאנצען לעבען.

נאכדעם ווי דאס רויטע יודעלע האט מנצח געווען דעם גלח, איז ר׳ מאיר׳ס ווייב געקומען צו איהם פרעגען וואו איהר מאן איז אהינגעקומען. האט דאס יודעלע („דאש יודליין") איהר דערצעהלט ווי די זאך איז, אז איהר מאן האט נישט געקענט מיטקומען, ווייל די רויטע יודעלעך האבען איהם נישט געלאזט מחלל שבת זיין, און אז צוליב חילול שבת האט ער אויך איהר נישט געקאנט שיקען קיין גט. דאס רויטע יודעלע האט איהר אבער געטרייסט דערמיט, אז אויך ער האט קיין געלעגענהייט נישט געהאט צו לאזען זיין ווייב א גט, און זי איז אויך געבליבען אנ׳אגונה דארטען, אויף יענער זייט סמבטיון.

אויך צו קהל האט ר׳ דן געבראכט גרוסען פון ר׳ מאיר ש״ץ און געבעטען אין זיין נאמען, אז מ׳זאל טרייסטען און שפייזען זיין ווייב און אז מ׳זאל חתונה מאכען די טאכטער זיינע מיט א גוטען מאן. און וואו האט מען נאך געקענט קריגען פאר איהר א בעסערען מאן ווי איהם אליין, וועלכער איז שוין געווען ר׳ מאיר׳ס מחותן?

איז געווארען דער שידוך אין א מזל׳דיגער שעה, און ר׳ דן האט חתונה געהאט מיט ר׳ מאיר׳ס טאכטער, און ר׳ מאיר׳ס ווייב איז געווען זעהר דערפרעהט, וואס איהר טאכטער האט געקראגען א מאן אזא גרויסען תלמיד חכם און מיט אזא הויכען יחוס. ווארים ער האט געשטאמט פון דן, דעם זוהן פון יעקב אבינו.

א חוץ אבער אט די אלע גרוסען און בקשות האט ר׳ דן אויך געבראכט פון ר׳ מאיר׳ן דעם געזאנג „אקדמות", וועלכען ער האט פערפאסט אויף יענער זייט סמבטיון, מיט א בקשה, אז יודען זאלען עס זינגען שבועות. ווארים אין „אקדמות" שטעהט אין די „ראשי־חרוזים", אין דעם ערשטען אות פון די פערזען, דעם מחבר׳ס נאמען „מאיר ברבי יצחק יגדל בתורה ובמעשים טובים אמן יחזק ואמץ".

לויט דער לעגענדע האט, אלזא, ר׳ מאיר ש״ץ בעצוועקט מיט זיין רעליגיעזער פאעמע, אז אויב ער אליין האט געמוזט בלייבען אויף יענער זייט סמבטיון, זאל לכל הפחות זיין נאמען בלייבען פעראייביגט ביי יודען.

דאס לעבען פון א יודישער אקטריסע

דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפילערין עמיליע אדלער

געשריבען ספעציעל פארן „נייעם פאלקסבלאט" פון זלמן זילבערצווייג

אז איך האב דאס געהערט און געזעהען, האב איך אנגעהויבען פערשעלטען דעם טאג, וואס עס איז מיר איינגעפאלען דער „גליקליכער" געדאנק צו פאהרען קיין מאסקווע, צו ווערען א סוחרי׳טע פון בריליאנטען. געזעהען, אז מיט קאווע האט מען אזא זארג, טא וואס זשע טוט מען נאך מיט בריליאנטען איך האב געפרעגט ביי פרוי גורעוויטש אן עצה. איך האב געוואוסט, אז זי האט פערמאגט א סך בריליאנטען, טא וואו־זשע האט זי זיי אהינגעטון?

בעהמט זי די לאמפ, שרויפט אפ די קנויט און ווייזט מיר, אז זי האט די בריליאנטען אריינגעלייגט אין א שטיקעל קנויט, עס פערנייט און אט דאס שטיקעל קנויט ליגט אין באטום פון דער לאמפ.

— וואס האט איהר געטון? ! — טענה׳ט זי צו מיר און קוקט אויף מיר מיט דער בעדויערונג מיט וועלכער מען קוקט אויף א היימישען מענשען, וואס איז געבעך נישט ביים קלארען זינען — א הויז, וואס איהר וועט זיכער פערלירען אייער פערמעגען, זייט איהר נאך אין דער געפאהר צו פערלירען אייער לעבען.

איך פרוב זיך פערענטפער׳ען, אז איך בין געקומען, ווייל מען האט מיר אין ביאליסטאק געזאגט, אז מען קען פון מאסקווע ארויסשיקען געלד דורך א באנק. מען האט מיר אפילו געגעבען אן אדרעס פון אזא באנק.

— אויב אזוי? — זאגען גורעוויטש און זיין פרוי — איז שוין עפעס אנדערש. אבער מען דארף צוגעהן צו דער באנק און נאכפרעגען. גורעוויטש פיהרט מיך אין דער באנק. ערשט — מען דערקענט מיר דארט. דער דירעקטאר איז א געוועזענער לאדזער באנק־בעאמטער.

— וואס טוט איהר דא? — פרעגט מיך דער דירעקטאר — כ׳האב געהערט, אז אייער טרופע איז אין לאדז.

פערשטעהט זיך, אז ס׳איז מיר געווען אומבעקוועם איהם צו דערצעהלען דעם אמת און כ׳האב איהם געזאגט, אז ס׳קומט מיר ביי א פריינד אין מאסקווע א גרעסערע חוב, בין איך געקומען איהם אפצונעהמען און וויל וויסען, צי איך וועל דאס געלד קענען שיקען דורך דער באנק.

אויסגעשלאסען! דורך דער באנק קאן מען קיין געלד נישט שיקען. פון רוסלאנד ארויספיהרען געלד קאן מען נאר אויף אנ׳אומלעגאלען אופן. דאס איינציגע, וואס ער קאן פאר מיר טון איז אויסטוישען מיין געלד אויף גרעסערע באנקנאטען, אז איך זאל נישט האבען א סך צו שמוגלען.

הייסט עס, אז מען קאן קיין געלד אויך נישט ארויסשיקען. כ׳בעשליס דעריבער נישט צו פערקויפען די בריליאנטען, נאר בלויז עטליכע שטיינדלעך, כדי צו האבען אויף הוצאות צוריק.

צוריקגעהענדיג פון דער באנק האט מיט מיר פאסירט א זאך, וואס האט מיר פערשאפט גענוג שרעק און עגמת־נפש. עפעס א געהיימע האנד האט אראפגעשניטען א שטיק פון מיין זיידענע מאנטעל. איך האב אין אנהויב געמיינט, אז דאס האבען גנבים ביי מיר געזוכט מיינע בריליאנטען און איך האב דעריבער גענוג געציטערט, אז מען האט זיך דערוואוסט, אז איך האב בריליאנטען, וועלכע מען האט געמיינט, אז איך האלט אין מאנטעל. מיינע בעגלייטער האבען מיר אבער ערקלערט, אז אזעלכע זאכען ווי אפשניידען שטיקער פון מאנטלען און פעלצען זענען איצט טאג־טעגליכע פאסירונגען אין מאסקווע. דאס זענען אויסדרוקען פון שנאה צו די גבירים. דאס איז זיך דער פראלעטאריאט נוקם אין זיין שונא — דעם בורזשוי.

גורעוויטש האט געבראכט א רוסישע זינגערין, וועלכע האט געקויפט ביי מיר א פאר אויערינגלעך פאר 40 טויזענד קערענסקי רובעל. האב איך שוין, הייסט עס, אויף הוצאות און בעשליס גאר נישט צו באלמוטשען און שוין צוריקפאהרען פון „גן־עדן". אבער איידער כ׳פאהר צוריק, וויל מיר גורעוויטש ווייזען אנ׳אינטערעסאנטע זאך.

— מען האט דאך איך געזאגט, אז דא זענען נישטא קיין בריליאנטען — זאגט ער — טא קומט מיט מיר, וועל [illegible] איך ווייזען, ווי ס׳זענען אין מאסקווע נישטא קיין בריליאנטען.

און ער פיהרט מיך אוועק אין איליענסקי באזאר. דא שטעהען פערשידענע מענשען מיט שיסלעך, אין וועלכע ס׳ליגען בריליאנטען, אפילו אין א מוזעאום האב איך נאך אזוי פיל בריליאנטען נישט געזעהען.

גורעוויטש ערקלערט מיר, אז דער גאנצער מסחר קומט פאר אונטער דער קאנטראל פון דער רעגירונג. יעדער קונה מוז אנגעבען זיין נאמען און אדרעס. מען קאן זיך דעריבער פארשטעלען, אז ס׳זענען פאראן זעהר ווייניג בעלנים צו זיין קונים.

דערנאך האט מיך גורעוויטש געפיהרט אויפ׳ן מאלטשאק (מארק). אויפ׳ן גאנצען שטח פון מאלטשאק האט מען געמעגט פראנק און פריי קויפען און פערקויפען בריליאנטען. זענען טאקע דארט געשטאנען פיל, וואס האבען געהאנדעלט מיט בריליאנטען אדער אנדערע עדעלשטיינער און שמוקזאכען. אבער קיין קונים האט מען דא אויך נישט געזעהען. איך האב נישט פערשטאנען די סיבה. ערשט גורעוויטש האט מיר דערקלערט, אז אזוי ווי ס׳געהט ארויס פון מארק־פלאץ, שטעהט דרויסען א רויטער ארמעעץ און בעהמט באלד צו די געקויפטע זאכען. טא צו וואס זאל מען אוועקגעבען דאס ביסעל געלד פאר וועלכען מען קאן נאך פארט בעקומען אין געהיים געקויפט אביסעל עסען?

2 טעג בין איך געווען ביי גורעוויטשען, אבער אין משך פון די 2 טעג האב איך גענוג איבערגעלעבט, וואס זאל מיך איבערציגען, אז איך מוז וואס פריהער פון דאנען אנטלויפען.

צו יענער צייט האט מען גע׳משפט די יונגע קאדעטען (אפיצירען) אלס קאנטר־רעוואלוציאנערען און 12 פון זיי זענען טאקע פערארטיילט געווארען צום טויט. א געוויסער קאמיסאר האט בעקומען די פעראררדנונג צו פאהרען אין א שטעטעל ביי מאסקווע, וואו זיי זענען געזעסען ארעסטירט און דארט אויספיהרען איבער זיי די עקזעקוציע. דער קאמיסאר איז געווען גורעוויטשעס א בעקאנטער. קומט ער צו איהם [illegible] זאגט איהם, אז עס געהט אין א גרויסע זאך, וועלכע וועט זיך לאזען הערען. ער וועט אבער דערפאר זיכער בעצאהלען מיט׳ן לעבען, נאר ער וועט זיך דערפון נישט לאזען אפרעדען.

ווי ס׳האט זיך באלד ארויסגעשטעלט, האט דער קאמיסאר, אנשטאט אויסצופיהרען די עקזעקוציע, גאר ארויסגעלאזט די פערארטיילטע אויף דער פריי.

נאכדעם ווי ער האט דאס אפגעטון, איז ער אהיימגעקומען, דערצעהלט זיין פרוי, וואס ער האט געטון, זיך מיט אלע געזעגנט און כלומרשט רוהיג בעמערקט, אז ער איז זיכער, אז ער וועט נאך היינטיגע נאכט האערפאר בעצאהלען מיט זיין לעבען.

דער קאמיסאר האט זיך דערויף געזעצט אין זיין שרייב־צימער שרייבען. עס איז געווען 2 ביי נאכט, ווען מען האט זיך דערוואוסט דערפון, וואס ער האט אפגעטון. מען האט געשיקט נאך איהם — און מעהר איז ער נישט צוריקגעקומען....

צו מארגענס 6 א זייגער אינדערפריה האט דעם קאמיסארס פרוי זיך מעהר נישט געקאנט איינהאלטען און איז געקומען צו לויפען צו גורעוויטשען. ווען מיר האבען געהערט אזוי פריה קלינגען אין טיר, האבען מיר זיך אלע אויסערגעוועהנליך דערשראקען ווייל מיר זענען געווען זיכער, אז מען האט זיך עפעס דערוואוסט וועגען מיר און מען איז געקומען מאכען א רעוויזיע. פערשטעהט זיך, אז אויף מיר האט די הויט געציטערט מעהר ווי אויף אלעמען.

די פרוי איז אביסעל געזעסען ביי אונז און תיכף ווי מען עפענט די רעגירונגס־ביוראס, איז זי דארט אהין. זי האט געפרעגט אויב מען ווייסט נישט וואו איהר מאן איז. אנשטאט אן ענטפער, האט מען איהר געעפענט דאס ארבייטס־צימער פון איהר מאן, און דאס בילד, וואס זי האט דארט געזעהען איז געווען גענוג, אז איהר בלוט זאל פערגליווערט ווערען.

אין זיין שטוהל איז געזעסען איהר מאן א דערשאסענער.

א פער׳חלש׳טע האט מען זי געבראכט צו די גורעוויטשעס, וואו זי האט דאס אלץ שפעטער דערצעהלט.

(המשך קומט).

חוה׳לע די געלע

פון ז. וויינפער

א.

אין שטעטעל איז געוואָרען אַ גערידער יועגען דעם, וואָס ח׳ה׳לע די געלע פאָהרט קיין אַמעריקאַ.

אַז זי וועט ווען ס׳גישט איז אוועקפאָהרען, האָט מען אפילו געוואוסט די גאַנצע צייט און נישט איינער אינ׳ם שטעטעל פלעגט זיך אַמאָל אויסדריקען מיט ביינזקייט אויפ׳ן פנים:

— בעכאי וואָלט זי שוין אוועקגעפאָהרען.

אָבער, ווען עס איז ענדליך קלאָהר געוואָרען, אַז זי פאָהרט טאקע אויף אנ׳אמת׳ן אַוועק, האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען גאַנץ אַנדערש וועגען איהר:

— אַנ׳עברה כ׳לעבען.

קרעמער אויפ׳ן מאַרק זענען געשטאַנען אין אַ רעדעל און געשאָקעלט מיט די קעפּ:

— ביי וועמען וועט מען איצט כאַפּען אַ גמילת חסד?

הערשעל קצב, וועלכער איז אויך דערביי געשטאַנען, האָט דערפיהלט, אַז איצט איז די צייט צו נעהמען אַביסעל נקמה פון אָט די יודען, וועלכע האָבען געהאָט אַ טבע אונטערצומורמלען וועגען איהם און חוה׳לען און ער האָט אַ הויב געטאָן די הויזען און געזאָגט:

— בא יאָ, עס וועט נישט זיין וועמען צו בעהרען.

אָט אַזוי האָט ער זיך געטון אַ זאָג אָפּ, אָט דער הערשעל קצב און בשעת מעשה געוואָרפען אַ סקאָסנע קוקעלע אויף די יודען אַרום, וואָס האָט געמיינט צו זאָגען:

— איצט איז מען געוואָרען ח׳ה׳לעס גוטע פריינד.

אָבער דאָס האָט קיינער נישט בעמערקט. אפילו דער בלאָנדער שמעון, וועלכער איז געווען דער שאַרפסטער אויפ׳ן מאַרק, האָט דאָס אויך נישט בעמערקט. און אפשר האָט ער עס יאָ בעמערקט אָט דער שמעון, נאָר וואָס זשע דען? דאָס האַרץ איז ביי איהם געווען אַזוי אָנגעוואָטעט, אַז ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— נו מילא, זאָל היינט מיינס איבערגעהן.

ב.

עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד איז דער נאָמען „ח׳ה׳לע די געלע“ געווען אין אַלעמענס מיילער. דאָס וואָס זי איז געווען די איינציגע אין שטעטעל, ביי וועמען מען האָט געקענט כאַפּען לייכט אַ גמילת חסד, דאָס נישט אָפּגעהאַלטען קיינעם צו רעדען וועגען איהר, אַז זי איז אַזעלכע און אַזעלכע. עס האָבען זיך אפילו געפונען עטליכע מענשען, וועלכע האָבען אַוועקגעשיקט בריוועלעך צו איהר מאַן קיין אַמעריקאַ מיט אַלערליי רכילות׳לעך אויף איהר און אין די בריוועלעך זענען אימער געווען אַריינגעמישט פערשידענע יונגעלייט פונ׳ם שטעטעל. אַמאָל איז דאָס געווען בערישעל פוסטעפּאָסניק, אַנאַנדערס מאָל הערשעל דער קצב, אפילו דער יונגער פוילישער בריף־טרעגער איז אויך עטליכע מאָל פערמישט געוואָרען, אָבער די רכילות־בריוועלעך האָבען נישט נאָר נישט קאַליע געמאַכט חוה׳לעס האַליע ביי איהר מאַן אין אַמעריקאַ, נאָר אדרבא, נאָך יעדען בריוועל אַזעלכען האָט זי דערהאַלטען פון איהר מאַן אַ גרויסע סומע געלד מיט אַ לאַנגען בריף דערצו, אַז איהם טוט זעהר וועה דאָס האַרץ הלמאי זי דאַרף וואוינען אין אַזאַ „העק“. ווי דאָס שטעטעל איז און מוז נעבעך זיין ביי אַלעמען אין די מיילער.

אָט אַזאַ מאַן איז ער געווען ח׳ה׳לע דער געלער׳ס.

— כאָטש נישט מעהר, ווי אַ שוסטער, אָבער מיט גרויסען פערשטאַנד, — פלעגט חוה׳לע אַליין זאָגען וועגען איהם אין דערביי ווייזען יעדען איינעם די בריף, וואָס זי דערהאַלט פון איהם.

— נו וואָס זאָגט איהר, האַ?

להכעיס דעם שטעטעל פלעגט חיה׳לע אָנטאָן זיך אַליין און דעם יונגעלע איהרען אין אַזעלכע קליידער, וואָס האָבען ממש געריסען די אויגען:

זאָלען זיי צוזעצט ווערען קוקענדיג.

אַזוי פלעגט זי זאָגען און אַלע ווילע איבערראַשט אַלעמען מיט נייע איבעראַשונגען.

פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אַריבערכאַפּען אין דער נאָהענטער גרעסערער שטאָט און אַרונטער ברענגען אַזעלכע טשיקאַוועסטען, וועלכע האָבען געריסען אַלעמענס אויגען, אָט איז דאָס געווען אַ רייט־וועגעלע פאַר׳ן קינד, וואָס האָט אַרויסגערופען קנאה ביי אַלע קינדער און אָט איז דאָס געווען עפּעס אַ קאָלירענדיג מענטעלע, אין וועלכען זי האָט זיך געטון אַ פוץ איבמיטען מיטוואָך.

ג.

די ערשטע צייט, ווען דער מאַן האָט איהר אָנגעהויבען צו שיקען גרויסע סומען געלד פון אַמעריקאַ איז ח׳ה׳לע געווען דווקא זעהר צוריק־געהאַלטען און בעשיידען. קיינער האָט איהר כמעט אין שטעטעל נישט בעמערקט. וואָרום ווער איז זי דאָס געווען מ׳שטיינסגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך מיט איהר רעכענען?

עפּעס אַ יונג־בלאָנד ווייבעל, וואָס בתיה דער שוסטערקעס קדיש האָט זיך אַריבערגעבראַכט פון אַ שכנה׳שען שטעטעל און זי איבערגעלאָזט אַ יאָהר נאָך דער חתונה.

וועמען קאָן אָנגעהן אזא ווייבעל, האַ?

די גאַנצע צייט, וואָס בתיה די שוסטערקע האָט געלעבט איז חוה׳לע געווען מיט׳ן קינד ביי איהר אין דעם אַלטען שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון שטעטעל, אָבער איינגיכען איז בתיה אַוועקגעשטאָרבען און איהר מאַן, וואָס איז געווען דער איינציגער יורש בתיה׳ס האָט געשריבען, אַז ח׳ה׳לע זאָל דאָס שטיבעל פערקויפען און ביז ער וועט איהר קענען אַריבער־נעהמען צו זיך, זאָל זי דערווייל וואוינען אין אַ שענער דירה, וואָרום ער איז גאָט צו דאַנקען....

דענסטמאָל איז ח׳ה׳לע געוואָרען פלוצים אַ גאַנצע פיגור אין שטעטעל.

און פאַרוואָס טאַקע נישט, האַ?

שעהן איז זי געווען, ווי אַ בת מלכה, אַ שלאַנקע פיגור, אַ קאָפּ מיט אונטערגעשוירענע געלד־געלע האָר און אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגען, וואָס האָבען שטענדיג געשמייכעלט.

אין שמייכלען האָט זי זיך זיכער געמעגט פער־גיבען, אָט די ח׳ה׳לע.

צוזאַמען מיט אָפטע הייסע ליבעס־בריף, האָט דער מאַן איהר געשיקט גאַנצע הונדערטעס מיט אַמאָל.

— איך וויל, אַז דו מיט׳ן קינד זאָלען זיך פערגינען — האָט ער איהר געשריבען און נאָך יעדער דריטער שורה אין אַ בריף, האָט ער צוגעלעגט מיט בעטאָנונג:

— מיר איז גאָט צו דאַנקען.

און ח׳ה׳לע האָט איהם געפאָלגט און פאַר די עטליכע יאָהר, וואָס איהר מיט׳ן קינד איז נאָך בעשערט געווען צו וואוינען אינ׳ם שטעטעל, האָט זי זיך געפיהרט, ווי אַ גביר׳ענטע.

אין דעם גרויסען הויז מיט דעם גריך־אָפּגעפאַרבטען גאָניקעל פון מיכל זילבערשטיינען האָט זי זיך אָפּגענומען גאַנצע צוויי צימערען מיט אַ בעזונדערע קיך.

— וואָס דאַרפסטו אזא גרויסע דירה? — האָבען די שכנות ביי איהר געפרעגט. אָבער ח׳ה׳לעס אויגען האָבען געשמייכעלט:

כל זמן מען לעבט דאַרף מען.

אָט אַזוי האָט זי געזאָגט איז נישט נאָר אַ דירה אַ גרויסע און אַ שעהנע האָט זי זיך גענומען, נאָר אויך פון דער גרעסערער שטאָט אַרונטער געבראַכט אַ שעהן ניקעלנע בעט מיט אַ שאַפע פאַר קליידער, וועלכע האָט געהאַט אַ ייד מיט אַ גרויסען שפּיגעל.

— אַ מה יעשה׳ניצע — האָבען שכנות גע־זאָגט צו איהר אין גוטען מוט. אָבער הינטער די אויגען האָט מען גערעדט צווישען זיך:

— וואָס אַ שוסטערקע פערגינט זיך!

ח׳ה׳לע האָט געוואוסט, אַז מען רעדט אויף איהר הינטער די אויגען און אַז מען פערגינט איהר נישט, אָבער דאָס האָט נאָך מעהר אויפ־געבייצט איהר אַפּעטיט זיך צו פיהרען, ווי אַ גבירה׳ענטע.

— זאָלען זיי צוזעצט ווערען, — פלעגט זי זאָגען און זיך געפיהרט, ווי עס איז איהר געפעה־לען געוואָרען אַמבעסטען.

ד.

און געפעלען געווען איז איהר אַמשטאַרקסטען צו שפּילען די גבירה׳ענטע.

די ערשטע צייט האָט זי אַפילו צוגענומען אַ דינסט־מיידעל אויך. און דאָס איז דווקא געווען נישט גלאַט אַזוי אַ דינסט־מיידעל, נאָר די טאָכטער פון בערל דעם שדכן, וועלכע האָט זיך גערעכענט פאַר אַנ׳אָרים באַלעבאַטיש מיידעל.

— איך דאַרף זי דען האָבען? — פלעגט זי בעמערקען צו די שכנות און אַרויפציהענדיג אַ רחמנות־מינעלע אויף איהר שעהנעם ראָזעווען פנים האָט זי צוגעלעגט:

53

— אָט זאָל זי זיך פערדינען עטליכע גילדען אויף נדן.

אָבער ווען זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז אָט די באַלעבאַטישע טאָכטער בערעדט איהר הינטער די אויגען, האָט זי איהר בעצאָהלט פאַר אַ גאַנץ יאָהר און איהר געהייסען זיך פערנעהמען פון שיטוב.

אין שטעטעל האָט מען די גאַנצע צייט געשאָקעלט מיט די קעפּ, וואָס זי, בתיה דער שוסטערקעס שנור האָט די חוצפה צו האַלטען ביי זיך בעריש דעם שדכנ׳ס טאָכטער פאַר אַ דינסט, אָבער ווען מען איז געוואָהר געוואָרען פאַרוואָס זי האָט איהר פון שטוב אַרויסגעטריבען, האָט מען פונדעסטוועגען געגעבען ח׳ה׳לען גערעכט.

— אַזאַ חוצפה, — האָט מען געזאָגט אויף בעריש׳ס טאָכטער און דערביי מוסיף געווען דאָס ווערטעל:

— אַז מען עסט יעמענ׳ס ברויט, וואַרפט מען אויף איהם נישט קיין שטיינער.

אָבער איך אָהן אַ דינסטמיידעל האָט זיך ח׳ה׳לע געפיהרט ווי אַ גבירה׳ענטע.

זי פלעגט צום ביישפּיל זיך קיינמאָל נישט טראָגען מיט קיין פעקלעך, ווי אַלע ווייבער פונ׳ם שטעטעל, נאָר אַנ׳אויסגעפוצטע פלעגט זי זיך דורכ־שטענדלען דורכ׳ן מאַרק:

— ברכה, איהר וועט זיין אַזוי גוט און מיר אַריינשיקען דעם פונט מעהל.

אָט אַזוי פלעגט זי אַ זאָג טון צו ברכה די קרעמערין און פערביי־געהענדיג הערשעל קצב׳ס יאַטקע איז געווען אויף דעם זעלבען אופן:

הערשעל וועסט מוחל זיין אַריינברענגען אַ פאָר פונט פלייש.

אַזוי האָט זי געגעבען איהר בעפעהלען צו משה דעם וואַסער־טרעגער, צו נבכע דער בעקערין און עס איז אויסגעקומען, אַז אַ סך מענשען אינ׳ם שטעטעל בעדינען ח׳ה׳לע דער געלער.

ה.

די רכילות־טרייבעריי האָט זיך אָנגעהויבען מיט הערשעל דעם קצב.

און טאַקע, ווי אַזוי זאָל מען זי נישט האַלטען אין מויל, אַז אַלע אויפ׳ן מאַרק זעהען מיט זייערע אויגען ווי הערשעל קצב טראַגט איהר אַריין דעם בעסטען חלק פלייש און זאַמט זיך ביי איהר אין שטוב אַזאַ לאַנגע צייט.

אָט טראַגט דאָך ברכה די קרעמערין איהר אַריין די מעהל, צי עפּעס אַנדערש און פאַרוואָס געהט זי גלייך צוריק?

פלעגען זיך טאַקע אַלע אויפ׳ן מאַרק איבער־קוקען מיט שמייכלענדיגע קוקעלעך יעדעס מאָל, ווען הערשעל איז געגאַנגען צוריק פון ח׳ה׳לעס שטוב און אָפטמאָל האָט זיך געפונען איינער אַ לץ, וואָס האָט הערשעל פערטשעפּעט.

— הערשעל עס איז גוט, האַ? — פלעגט אַזאַ איינער אַ זאָג טון גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין און הערשעל, ווי ער וואָלט געוואָלט בעווייזען, אַז ער האָט אַלעמען אין דער ערד האָט גע־געבען אַנ׳ענטפער אָפּ הויך אויפ׳ן קול, אַזוי אַז אַלע זאָלען הערען:

— נאָך ווי גוט!

פערשטעהט זיך, אַז יעדער איינער האָט זיך אָפּגעהיט, אַז חוה׳לע זאָל נישט געוואָהר ווערען, אַז ער רעדט אויף איהר, וואָרום יעדער איינער אין שטעטעל האָט געדאַרפט אָנקומען צו ח׳ה׳לען.

ווער עס האָט פעדינט ביי איהר, ווער עס פלעגט ביי איהר לייהען אַ גמילת חסד און ווער עס פלעגט פון צייט צו צייט אַריינגעהען צו איהר נאָך אַ נדבה.

אָבער ח׳ה׳לע האָט סיי ווי געוואוסט, אַז מען האַלט איהר אין די מיילער, נאָר וואָס זשע דען? זי האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט און אויב זי האָט יאָ ווען עס איז נישט אַ טראַכט געטון וועגען דעם האָט דאָס זיך אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס זי האָט אַ מורמעל געטון:

— זאָלען זי יירעדען צוזעצטערהייט!

די ערשטע צייט האָט עס איהר אפילו יאָ אַביסעל בעאומרוהיגט. יוער ווייסט צו וואָס אָט די פוסטע מיילער קאָנען נאָך דערפיהרען? מען קאָן נאָך אָנשרייבען צו איהר מאַן קיין אַמעריקע און ער דאָרטען זאָל טאַקע מיינען, אַז דאָס איז שוין סיי ווי געשעהען אין איהר מאַן האָט איהר

(ענדע זעה 14־טע זייט).

דער שניידער און די גרעפין

(פאָלקס־מעשה)

פון א. ליטוויז

די פאָלקס־מעשה קלינגט ווי אַ לעגענדע, אָבער דאָס איז נישט קיין לעגענדע, דאָס איז אַ מערקווירדיגער ראָמאַן וואָס האָט זיך אָהן אַ שום לפק, פערלאָפען אין דער צייט פון דער פריצים־הערשאַפט מיט אַ פאָר הונדערט יאָהר צוריק. און אפשר נעהנטער צו אונזער צייט — אין אַ יודישער שטעטעל אין רוסלאַנד.

די מעשה האָט דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות צום ערשטען מאָל געהערט פון זיין פאָטער, זי האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ געוואַלדיגען איינדרוק, אַז אַ סך שפעטער שוין, ווען דער פאָטער מיינער איז שוין געווען טויט, און איך האָב בעסער פערשטאַנען, ווי אָפּצושאַצען דעם ווערטה פון אונדער פאָלקס־שאַפונג, האָב איך געזוכט און געפאָרשט נאָך דעם מקור, נאָך די שפּור׳ען פון יענער שעהנער, און צוזאַמען דערמיט, שרעקליכער ראָמאַנטישער געשיכטע פון אַ יונגען שעהנעם שניידער, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם פאַר... דער ליבע צו איהם פון אַ יונגער שעהנער גרעפין, און פאַר זיין ליבע און טרייהייט צו זיין — אמונה.

די מעשה דערצעהלט זיך אין קורצען אַזוי:

צווי שניידער — אַ טאַטע מיט זיין זוהן, האָבען געאַרבייט אין הויף פון דעם גראַף, צו וועלכען זייער שטעטעל האָט בעלאַנגט. דער יונגערער שניידער איז געווען אַ בילד שעהנער בחור. דערצו האָט ער געקענט זעהר שעהן זינגען. ביי דער אַרבייט פלעגט ער אויסזינגען אַלערליי יודישע חזנ׳שע נגונים און סתם לידער. מיט זיין שעהנקייט און זיין האַרציגען זינגען האָט דער בחור געפאַנגען דאָס האַרץ פון דער פאַניענקע, דער יונגער גרעפין, פאַר וועמען ער האָט גענעהט. זי פלעגט אויסנוצען יעדע געלעגענהייט אַריינצוגעהן אין צימער, וואו דער בחור האָט געאַרבייט מיט זיין פאָטער און רעדען מיט׳ן בחור. דער בחור האָט קיין זאַך נישט פערדעכטיגט און פלעגט טון זיין אַרבייט, און ווען די יונגע גרעפין איז אַרויס, פלעגט ער אָנהויבען, אויסזינגען זיינע זיסע נגונים. די גרעפין פלעגט זיך בעהאַלטען הינטער׳ן טיר און הערען מיט ענטציקונג זיינע לידער. זי איז געווען אַ געלערנטע און האָט אויך פערשטאַנען מוזיק. זי האָט אַליין אויך געשפּילט און געזונגען. אָבער דעם שניידער׳ס לידער זענען געווען גאָר אַנדערע. זיי האָבען סיף גערירהט די נשמה פון דער יונגער מיידעל, און זי האָט זיך שטערבליך פערליבט אין דעם שניידער.

אַנטפּלעקען פאַר אימיצען איהר ליבע האָט זי זיך, פערשטעהט זיך, געשעהמט. קיינער האָט נישט געוואוסט איהר סוד. אַז די שניידער זענען אוועקגעפאָהרען, האָט זיך איהר ליבע צום שניידער־בחור נאָך שטאַרקער צוברענט. פון בענקשאַפט און לײַדענשאַפט איז זי קראַנק געוואָרען.

מען האָט גערופען צו איהר די גרעסטע דאָקטוירים. יענע האָבען איהר שטאַרק בעטראַכט, נאָכגעזוכט דעם עצם און די סבה פון איהר קראַנקהייט, נאָר גאָרנישט געקענט אויסגעפינען. זיי האָבען אָבער פערשטאַנען, אַז די קראַנקהייט איז נישט קיין קערפּערליכע, נאָר האָט צו טון מיט דער מיידערס האַרץ, מיט איהר נשמה. זיי האָבען געגעבען אַנ׳עצה די עלטערען, זיי זאָלען ביי איהר פאָרזיכטיג דערגעהן, וועד איז דער שולדיגער אין איהר בענקשאַפט און קראַנקהייט. זי איז געווען ביי זיי אַ בת יחידה און זיי האָבען איהר געזאָגט, אַז ווער עס זאָל נישט זיין דער, וואָס האָט געפאַנגען איהר האַרץ וועלען זיי דעם שידוך נישט שטערען, אַבי זי זאָל זיין געזונד.

דעמאָלט האָט די יונגע גרעפין אויסגעזאָגט די עלטערען איהר סוד און האָט דערביי צוגעגעבען, אַז זי ליבט דעם יודישען שניידער־יונג שטערבליך, אַז אָהן איהם קען זי נישט, וועט זי נישט לעבען.

די שטוינענדע עלטערען האָבען קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו רופען צוריק אין זייער פּאַלאַץ דעם, יונגען שניידער. מען האָט געשיקט נאָך איהם אַ קאַרעטע. דער בחור און זיינע עלטערען, ווי אויך דאָס גאַנצע שטעטעל האָבען זיך דערשראָקען אויף טויט. דער ווייסט וואָס פאַר אַ גזירה עס שטעהט פאַר דער שטעטעל. וואָס קען דאָס זיין? האָט מען זיך געבראָכען די קעפּ, יועלענדיג זיך דערקלעהרען, טרעפען, אָנשטויסען די מעגליכע סיבה פון דעם גראַף׳ס פּלוצלינגען שטאַרפּעט נאָכ׳ן שניידער. דער קוטשער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נאָר געמעלדעט, אַז דער גראַף האָט געהייסען שוין עקסטרא ברענגען דעם שניידער־בחור, אין גראַפ׳ס פּאַלאַץ.

נישט פאָלגען איז געווען אוממעגליך. דער בחור איז געפאָהרען. מען האָט איהם זעהר ליב־ליך צוגענומען און טאַקע באַלד געלאָזט וויסען אַז די פּאַנענקע איז אין איהם פערליבט, אין זיי, די עלטערען, זענען אויך מסכים צום שידוך; אַז מען וועט אויף איהם באַלד פערשרייבען אַ העלפט פון דעם גראַפס מאַיאָנטקעס און נאָך דעם טויט פון דעם גראַף און דער גראַפינע בלייבט ער דאָך זייער איינציגער יורש. ער דאַרף זיך אָבער שמדן — אָננעהמען דעם קאַטוילישען גלויבען.

דער ערשטוינטער שניידער האָט זיך אויף אַ מינוט פערלוירען. ער האָט זיך גאָר נישט גע־קענט פאָרשטעלען, וואָס עס טוט זיך דאָ מיט איהם. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך. און האָט געענטפערט, אַז ער קען זיין אמונה נישט פערלאָזען פאַר קיין אוצרות אין דער וועלט.

דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבען איהם צו דראָהען מיט די שרעקליכסטע עינויים. אָבער דער שניידער איז געבליבען פעסט; מ׳קען מעג איהם טויטען. אָבער די אמונה פון זיין טאַטען און מאַמען, וועט ער נישט בייטען.

האָט מען געפּרובט ווירקען אויף איהם מיט אַנדערע מיטלען. מען האָט איהם געהייסען זיך שעהן אויספּוצען אין די רייכע מלבושים, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט און אַריינגעפיהרט איהם צו דער קראַנקער אין צימער. זי האָט זיך לכתחילה, שטאַרק דערפרעהט, נאָר זעהענדיג, ווי ער בלייבט צו איהר גלייכגילטיג און קאַלט, איז זי צוריק געפאַלען אויף איהר געלעגער אין אַ היס־טערישען געוויין.

דאַן האָט מען פערזוכט דעם לעצטען מיטעל מען האָט איהם אַרויסגעפיהרט. איהר האָט מען אויסגעטוין כמעט נאַקעט און איהם געהייסען צוריק אַריינגעהן, לאָזענדיג דעם בחור און די גרעפין אויף יחידות.

דערזעהענדיג איהם, האָט זיך ווייטער אין איהר נאָך שטאַרקער אָנגעצונדען די ליבע און זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין זיינע אָרעמס. אָבער ער האָט זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט, האָט צוגע־מאַכט די אויגען און זיך פונאַנדערגעוויינט.

אין אייביגע שטונדען אַרום איז די יונגע גרע־פין געשטאָרבען.

דער גראַף האָט באַלד געהייסען אויסגראָ־בען אַ גרוב אין פעלד, און מען האָט דעם שניי־דער־בחור לעבעדיגערהייט בעגראָבען.

* * *

אין צווייטען באַנד „פערעזשיטאָיע“ ווערט אָנ־געגעבען דער נאָמען פון דער שטעטעל, וואו די דראַמע האָט פּאַסירט. זי הייסט ליפּאָוועץ, קיעווער גובערניע, דער שניידער־בחור האָט געהייסען הירש ליב.

אין אַ צייט אַרום האָט די ליפּאָוועצער יודי־שע קהלה גע׳פּועל׳ט ביי דעם גראַף, ער זאָל ער־לויבען איבערפיהרען די ביינער פון דעם קדוש אויפ׳ן ליפּאָוועצער יודישען בית עולם.

מען האָט איהם אַיהם געשטעלט אַ מצבה. די מצבה האָט זיך דערהאַלטען ביז אונזערע טעג. אָבער נישט אין גאַנצען. אין עטליכע ערטער איז זי אָפּ־געבראָכען, און פון דער ריהרענדער שרעקליכער דראַמע זאָגען עדות בלויז אָט די עטליכע אויסגע־קריצטע ווערטער:

פ״נ איש פשוט שביצרו פטפט
ב״ה צבי ליב ב״ח מרדכי
— טה ש״ק — טב.

דער קונדס

הומאר — סאטירע

צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפציגעל

פאליטיק פון דער וואך

חובות, חובות און חובות, געוואלד חובות!

אמעריקא — שרייט חובות, ענגלאנד — חובות, פראנקרייך —חובות, דייטשלאנד — חובות, הימעל און ערד און חובות.

וואס וועט זיין מיט די חובות, וואס וועט מען טון מיט די חובות? מען רעדט למשל וועגען ענטוואפנונג און מען האט גאר אין זינען — חובות, מען רעדט וועגען ווירטשאפטליכען וועלט־קריזיס מען מיינט גאר חובות.

געווען א וועלט־קריג, אלע מלוכות האבען זיך געווארפען אויף די שלאכט־פעלדער מיט דער כוונה עפעס צו געווינען און צום סוף איז יעדער ארויס מיט — חובות.

ווער עס איז שולדיג א חוב און וועמען עס קומט א חוב.

לויפען איצט ארום די חובות איבער דער וועלט אין וליארמען, פילדע־ען און טאראראמעווען.

נאך גוט, וואס מען הערט נאך נישט קיין פעטש געווענליך דארף מען זיך, צוליב חובות פאטשען אויך....

א שטילער

— איך האב געהערט אז דיין צווייטער מאן, מיט וועמען דו האסט חתונה געהאט, איז א גנב. ווי האט דאס א פרוי חתונה מיט א גנב?

— פערשטעהסטו, מיין ערשטער מאן האט אזוי געשריען און געטומעלט ווען ער איז געווען אין דער היים, אז דעם צווייטען מאל האב איך שוין געוואלט האבען א מאן, וואס גיט נישט קיין שארך און געהט אויף די שפיץ פינגער ווען ער קומט אריין אין א הויז.

——==:)():==——

דאס לעצטע ווארט

— אלע מאל בעריהמסטו זיך, אז אין א געשפרעך מיט דיין פרוי האסטו אלע מאל דאס לעצטע ווארט. צום סוף זעה איך גאר, אז כסדר שרייט זי אויף דיר און זי שאפט זיך מיט דיר ווי מיט א דינסט. און דו שווייגסט ווי א לעמעלע.

— וואס רעדסטו? האסט נישט געהערט ווי איך האב ביי איהר אלע מאל דאס לעצטע ווארט? אלע מאל ווען זי הייסט מיך עפעס טאן, ענטפער איך איהר „גוט", און זי רעדט מעהר קיין ווארט נישט.

א גרויסע חוצפה

ארבייטסלאזע, ארבייטסלאזע

ווילען עסען — הער א העזה!

ווייניג איז זיי דער שפאצירען,

ווילען זיי דאך דעמאנסטרירען,

אויף די גאסען פראסט געזעסען,

הער א העזה? ווילען עסען!

און אז וואצעק מיט'ן טייטעל

הייסט: אהיים געהן, יוזעק, פייטעל

הערען זיי נישט, בלייבען זיצען,

סיקימערט זיי נישט רעגען, היצען,

נאר זיי שטיקען זיך און פרעסען

און זיי ברומען ארבייט, עסען!

ווערט א טומעל, קומט א רייטער

טרייבט מען זיי די חברה ווייטער

מען בערוהיגט, סיווערט פערגעסען

נאר די העזה: בעטען עסען...

שמערעלע.

א מאנאסטיר...

פאטער (צו זיין טאכטערס א פערעהרער): איך האב געזעהען, אז דו האסט מיין טאכטער א קוש געגעבען!

פערעהרער: זי איז אזוי שעהן, אזוי זיס, אייער טאכטער...

פאטער: שעהן, זיס... ווי אזוי האסטו געוואגט!

פערעהרער: יעדער אנדער יונגערמאן אויף מיין ארט וואלט געוואגט...

פאטער: מיין טאכטער איז געגאנגען פיר יאהר אין אוניווערזיטעט און קיין איינער האט איהר נישט געקושט!

פערעהרער: עס האט געמוזט זיין נישט קיין אוניווערזיטעט נאר א מאנאסטיר...

קעגען דעם וואס מען פלאנט לאדז זאל ווערען אויס וואיעוואודזטווע

ניין, מען טאר עס נישט דערלאזען!

צארנען דארף מען — פייער־פלאם!

ס'הייסט עפעס? די לאדז־הבירה

מאכען אויס יא־טעביע־דאם!

ס'הייסט עפעס? די שליפעס רייסען,

מאכען אונז אינגאנצען אויס,

אז דער „פוילישער מאנטשעסטער"

זאל נישט זיין מעהר „משה־גרויס"?!

מאכען אויס די וואיעוואודזטווע,

מאכען לאדז אויס מענש, אויס לייט —

ניין, ווי לאנג זיי היניען, קרענקען,

און זיי כאליען אויף א זייט!..

הפקר־פעטרישקע? וואס איז עס?

אט מען בעהמט, און פסקנט לייכט!

וועניג האבען מיר געשוויצט דען?

וועניג האבען מיר געפרייכט?

וועניג צוגעלייגט דעם שכל?

קנאפ דען כוח אויסגעניצט

ביז דערארביעט זיך א קהלה,

וואס קיין צווייטע שטאט בעזיצט?..

וועניג אויפגעטון פאר מענשהייט,

פאר דעם אלעם, וואס איז שיין?..

גייט מען אפנעהמען דעם כבוד?

— נישט ביי מאטיען, בראטשיע! ניין!

יאקעל בן פלעקעל.

ביים „עירוב"

ר' זישא'לעס טבע איז געווען צו רופען א יעדער יוד „צדיק". האט ער געמעגט זיין דער ערגסטער מענש.

אמאל, שבת, קומענדיג אהיים פון דאווענען, האט ער אנבעטראפען ווי א גנב טראגט ארויס פון זיין שטוב א גרויסען פאק מיט זאכען — און דערזעהענדיג ר' זישא'לע אנקומען האט ער אנגעהויבען לויפען.

רבי זישא'לע האט איהם אנגעהויבען נאכלויפען. דער גנב איז אבער געווען שטארק און א יונגערמאנטשיק און איז שטארקער געלאפען.

רבי זשיא'לע איז מיד געווארען לויפענדיג און איז שטעהען געבליבען און דערביי האט ער נאכגעשריגען דעם גנב:

„שוטה! וואס לויפסטו, ביים „עירוב" וועסטו דאך מוזען בלייבען שטעהען"...

אויסגעטייטשט

אנ'ארענדאר האט אמאל פערקלאגט א שטאט־יוד, ווייל יענער האט ביי איהם — „נאך כמה שנים האלטענדיג די קרעטשמע אויסגעדונגען פו.‧ם פריץ" אין א גאנצע פאמיליע מקפח פרנסה געווען.

„וואס פאר א סדרה געהט די וואך"? האט ר' מאיר'ל פרימישלאנער רגעפרעגט —

— „דברים" — האט דער ארענדאר געענטפערט

— „מאיר וועט דיר לערנען סדר דברים" — האט ר' מאיר'ל געזאגט. „הער נאר גוט אויס" :

דברים. צום ערשטען שמועס דיך גוט אויס מיט דעם שטאטישען יוד, אז ער וועט נישט נאכלאזען זיין עקשנות, זאלסטו איהם זאגען:

— „ואתחנן, איך מאיר האב געבעטען, עקב — דערווייל, ראה „שופטים" — זעה זיך אבצולאזען ביי א רב נאר דער ארענדאר זאג איך מאיר צו „כי תצא" אז וועסט ארויסגעהען פון דעם געשעפט — „כי תבא" — וועסטו קומען צו א אנדער געשעפט, „נצבים" — וועסטו גוט שטעהען, „וילך" — עס וועט דיר גוט געהן; „האזינו", אז דו ארענדאר וועסט מיך פערנעמען און האָרכען — וועט זיין: „וזאת הברכה" — וועסטו האבען די ברכה!..

דאטשע־געסט

זי איז וואויל. זיי געהען צו גאנג

אנ'עצה פאר'ן שפאנישען קעניג

א יודען איז היינט בעסער ווי דעם שפאנישען קעניג: א יוד קען קומען קיין שפאניען און דער שפאנישער קעניג נישט.

— זאל ער זיך מגייר זיין — וועט ער אויך קענען קומען קיין שפאניען.

א מיידעלס נעדאנקען

דאס מיידעל דערצעהלט איהם, אז פאר די לעצטע פינף יאהר פיהרט זי א טאג־בוך, און פערשרייבט זיך יעדען אווענט די געדאנקען, וואס זי האט איבערגעטראכט אין פערלויף פון טאג.

רופט זיך איינער אפ צו איהר:

— איהר מוזט שוין האבען פערשריבען א גאנץ בלעטעל.

צווישען פרויען

— איך האב ערשט געהערט א טרויעריגע מעשה וועגען פרוי פליישער.

— איך שטעל זיך פאר אז ס'איז זעהר טרויעריג — ווייל איהר קוקט אויס אזוי צופרידען.

אנ'אונטערשיד

— וואס איז דער אונטערשיד צווישען א נאר און א פערליבטען?

— א נאר איז אריגינעל, אבער א פערליבטער מאכט זיך נאריש.

יעדער פאר זיך

ערשטער שכן: וואס דענקט איהר, זאל מיין זוהן לערנען, אויף דאקטאר, צי מוזיקער?

צווייטער שכן: אויף דאקטאר.

ערשטער שכן: פארוואס

צווייטער: ווארים אז ער וועט לערנען אויף דאקטאר, וועט ער נישט שלאפען די נעכט ביים צוגרייטען די לעקציעס. אז ער וועט אבער לערנען אויף מוזיקער, וועל איך נישט שלאפען די נעכט.

——=[]()[]=——

א געשאנק

— איך בין זעהר אומגליקליך. מיין מאן האט א שרעקליך ליידען. ער קען נישט הערען. איך האב היינט צו איהם גערעדט איבער א שטונדע און ער האט נישט פערשטאנען קיין איין ווארט.

— ס'יז ליבע פרוי, דאס איז נישט קיין ליידען. דאס איז א געשאנק פון גאט.

העד אויף צו רויכערן

א מאן האט אריינגעהונקען צו א דאקטאר און האט זיך בעקלאגט, אז ס'טוט איהם וועה דער לינקער פוס. דער דאקטאר האט אונטערזוכט דעם פוס און געפרעגט דעם מאן:

— ווי לאנג איז שוין, אז דער פוס טוט אייך וועה?

— שוין צוויי וואכען.

— אום גאטעס ווילען! — רופט אויס דער דאקטאר — דער קנעכל פון אייער פוס איז דאך צובראכען ווי אזוי האט איהר געקענט ארומגעהן צוויי וואכען מיט א צובראכענעם פוס?

— די מעשה איז אזוי: יעדען מאל ווען איך האב זיך בעקלאגט פאר מיין פרוי, אז דער פוס טוט מיר וועה און איך דארף זיך דורכגעהען צו א דאקטאר, האט זי א געשריי געטון:

— וואס דאקטאר, ווער דאקטאר! הער אויף רויכערן, וועסטו זיין געזונד.

אהז זארג איז ערגער

— זארגסט זיך גארנישט, וואס דו ווערסט אלץ דיקער?

— געוויס זארג איך, ווארים ווען איך זארג נישט, איז נאך ערגער, ווער איך נאך דיקער.

——==:(ס):==——

מעלות

וואס טויגען	וואס דארף מען
די אלע	גאר פרעגען
רייד, און	שאלות?
וואס דארף,	ביסט גוט,
מען פאסע־	און פרום,
רען צייט?	און געטריי,
ביסט גוט,	אבער דאס
און פרום,	זענען, ליי־
און בעשיידען,	דער מעלות
און קלוג,	פאר יאנגי־
און זעהר	אר, נישט
געשייט.	פאר יונגי.

——==:[ס]:==——

אין א מאדערנער וועלט

א מאדערנער יונגערמאן זאגט היינט אזוי צו זיין כלה: טייערע! קויף זיך פאר דיין אייגען געלד א חופה רינגעל — איך וועל דיר אפצאהלען נאך דער חתונה.

נישט קיין איבריגע!

— וואס מאכען אייערע איבעריגע קינדער?

— איך האב נישט קיין איבעריגע קינדער...

ער לאזט זיך נישט בלאפען

פאטער (צום יונגעל): וואס פאר א בוך לייענסטו?

יונגעל: וועגען קינדער ערציהונג.

פאטער: וואס עפעס גראדע אזא בוך?

יונגעל: ווייל איך וויל זעהען, צי דו גיבסט מיר די ריכטיגע ערציהונג.

עצות

מיין ווייב האט מיר אנומעלטען ארונטערגעווארפען פון אלע טרעפ, איך האב שיער דעם קאפ נישט צובראכען, און איהר דארפט וויסען אז איך וואוין אויפ'ן פערטען שטאק, איז וואס זאל איך טון?

ענטפער — קלויבט זיך גלייך אריבער אין פארטער.

* * *

— כ'ליידט אויף די אויערען, מעג איך זיך געהען באדען?

ענטפער — פערשטאפט די אויערען מיט זאמד — און געהט אין וואסער.

* * *

— איך בין א הייסער יוד און איך וואלט געוואלט אז יודען זאלען זיך צונויפקלויבען אויף אנ'אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס, אבער וואס טוט מען אז אונזערע יודען שלאפען און מען קען זיי נישט אויפוועקען.

ענטפער — קויפט עטליכע צעהנדליג מיליאן וועקזייגערס און שיקט אריין יעדען יודען א האלבען טוץ.

* * *

— זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס טוט מען מיט די האר וואס פאלען אויס?

ענטפער. — מען קען גארנישט טאן. דאס איינציגע וואס מען קען טאן איז צוזאמענקלויבען די האר און מאכען פון זיי א קישעלע פאר אניאייניקעל.

נאך דער ליבע

— יאשקע, זאג מיר דעם אמת, די פיהרסט נאך אלץ א ראמאן מיט בעסי'ן?

— שוין מעהר נישט! שוין לאנג נישט!

— פון ווען אן יאשקע?

— פון ווען? פון לעצטער וואך אן!

— פון לעצטער וואך ערשט?

— יא, פון לעצטע וואך, זינט מיר האבען לעצטע וואך חתונה געהאט!

— אזוי גאר!

ביי דער פרוי אהן הענד און פיס

„וויאלעטא" — דער איינציגער „עקזעמפליאר" אין דער וועלט. — ווי אזוי עס לעבט „וויאלעטא" און ווי אזוי זעהט זי אויס. — טרויעריגע ליבע פון „וויאלעטא". — כאטש אהן הענד און פיס, אבער זי האט פיל „פאוואדזעניע". — זי בעקומט פיל ליבעס־בריף און פיהלט זיך גאנץ גליקליך

פערהאן מענשען אויף דער וועלט, וואס זוכען זיך אויס אויסטערלישע פרנסות, אבי צו קאנען מאכען דערפון א לעבען. פערהאן אויך אזעלכע, וועמען גאט האט בעשטראפט מיט א קינד א פער־זעהעניש און, נישט האבענדיג קיין אנדערע בעשעפטיגונג, נעהמט ער אזא קינד און מאכט דער־מיט א פרנסה.

מענשען זענען דאך נייגעריג, מען זוכט עפעס נייעס, אפילו אין דער שלעכטער צייט וועט איט־ליכער כמעט קויפען א בילעט, אבי מען זאל איהם ווייזען עפעס אריגינעל־שרעקליכעס, וואס זאל איהם ערשיטערען.

זענען אבער פערהאן געשעפטס־לייט און האב־בען אין לאדז געעפענט א מוזעאום, וואו עס זענען פערהאן פערשידענע זעהענס־ווירדיגקייטען און וואונ־דער־עקספאנאטען, אבער דאס איז נישט דער עיקר. דער עיקר איז דארט איצט אנייע אטראקציע.

מען האט אראפגעבראכט קיין לאדז א זעלטע־נעם מענש־עקזעמפלאר: א פרוי אהן הענד און אהן פיס. ווי מען גיט איבער, זאל דאס זיין דער איינציגער עקזעמפלאר אין דער איצטיגער צייט, מעהר אזעלכעס איז אויף דער גאנצער וועלט נישט פערהאן.

און עס איז ווירקליך א סענסאציע. מען לויפט אויף ביידע וואונדער אנקוקען א לעבעדיגען מענש, וועלכער איז געבוירען געווארען אהן הענד און אהן פיס.

ווי אזוי לעבט אזא מענש? וואס זעהט ער און וואס פיהלט ער? צי איז ער צופרידען אדער אומגליקליך? זעהט ער דאס לעבען מיט די זעל־בע אויגען, וואס מיר אלע?

מיר האבען דעלעגירט אונזער מיטארבייטער, ער זאל האבען א געשפרעך מיט'ן דאזיגען מערק־ווירדיגען עקזעמפלאר, וועמען די נאטור האט אזוי גרויזאם בעשטראפט — מיט דער פרוי אהן הענד און אהן פיס.

* * *

אריינקומענדיג אין מוזעאום, האט מיר די דירעקציע ערקלערט, אז אויב איך וויל זיך בע־געגענען פנים־אל־פנים מיט דעם זעלטענעם עק־זעמפלאר, מוז איך צוערשט האבען די ערלויבניש פון איהר יונגער שוועסטער, וועלכע איז איהר בעגלייטערין און בעדינערין.

מען האט מיר פארגעשטעלט א 19־יעהריגע שעהנע דייטשקע, וועלכע האט מסכים געווען מיך אריינצופיהרען אינ'ם צימערל הינטער די קוליסען, דארט, וואו דער מענש אהן הענד און אהן פיס ווארט שוין אויף מיר.

די פאר טרעפלעך, וואס פיהרען צו דער גאר־דעראב, זענען שמאל און אויסגעקרומט. עס גיט א זעץ אין נאז דער ריח פון שמעקענדיגע וואסערען אויסגעמישט מיט שוויים.

ענדליך קומען מיר אריין דארט, וואוהין מען פיהרט מיך.

איך בעגעגען זיך מיט א שעהנער, יונגער פרוי, מיט בלאהע שמייכלענדיגע אויגען, מיט בלאנ־דע, קורץ־געשוירענע, אבער פיין־פערקעמטע האר. אויפ'ן האלז טראגט זי א שנור פערעל מיט א מעדאליאן, אין וועלכען עס איז איינגעפאסט א קליין ברילאנטעל.

דער איינדרוק איז א גוטער. כ'פערגעס אין דער רגע, צו וועמען איך בין אריינגעקומען און איך שטרעק אויס די האנד צו בעגריסען. אבער איין בליק נאך, און מיט א שוידער כאפ איך צוריק מיין אויסגעשטרעקטע האנד.

איך זעה דעם טרויעריגען אמת: א שעהן ליכ־טיג פרויען־געזיכט, א שלאנקער ביוסט, אבער נישט מעהר. זי „שטעהט" אדער „זיצט" אויף א הויך בענקעל און זעהט אויס, ווי א נישט בעוועג־ליכע פיגור אין א שוי־פענסטער.

זי צושמייכעלט זיך, און ווייזט איהרע ווייסע שטעהנע ציין און גיט מיר א זאג:

— איך בעזיץ דייטש, ענגליש און פראנצויזיש און איהר קאנט זיך אויסקלויבן די שפראך, וואס איהר ווילט מיט מיר רעדען.

(פון א בעזוך)

זי געפינט זיך נעבען א טישעל, וואו עס שטע־הען אנגעשטעלט גוטע זאכען: וויין, שאקאלאד, טשאסטקעס און אפילו ביכער מיט ענגלישע און דייטשע צייטונגען.

— איהר פרעגט, ווי אלט כ'בין? ביטע זעהר. אננא, ווייז מיין דאקומענט! — בעפעהלט זי דער שוועסטער, וועלכע שטעהט נעבען אונז.

און אננא ווייזט דעם דאקומענט, געבוירען אין 1909.

— מיין ריכטיגער נאמען איז גרעטא האלס, אבער איך טרעט ארויס אונטער דעם פסעוודא־נים: „וויאלעטא". געבוירען בין איך אין טשיקאגא ביי עלטערען דייטשען, וועלכע האבען דארט גע־וואוינט 18 יאהר. איצט וואוינען די עלטערען אין האמבורג. מיין פאטער איז אן אייגענטימער פון 2 הייזער, מיר פערמאגען א פיינעם רעסטאראן און גלייכצייטיג איז דער פאטער מייסטער אין א ברוי־עריי.

אזוי ווי איהר זעהט מיך — רעדט זי אלץ מיט'ן זעלבען שמייכעל — אט אזוי בין איך גע־בוירען געווארען. פערשטעהט זיך, אז אין קיין שו־לע בין איך נישט געגאנגען, אבער א לעהרער איז געקומען צו אונז אין שטוב און מיך געלערנט שרייבען. פערשטעהט זיך, אז נישט מיט די הענד האט ער מיך געלערנט שרייבען, נאר מיט'ן מויל.

און כדי צו אילוסטרירען ווי אזוי זי שרייבט, האט זי גענומען א בליישטיפט אין מויל און אנ־געשריבען א בריוועל צו די לעזער פון „נייעם פאלקסבלאט", און געשריבען האט זי שנעל און מיט א שעהנער שריפט.

מען האט איהר דערלאנגט א שטיקעל שאקא־לאד אין מויל אריין, זי האט א זופּ געטאן אביסעל טיי און ווייטער דערצעהלט:

— ווי נאר כ'בין אויסגעוואקסען, האב איך מיך אנגעהויבען ווייזען פאר דער עפענטליכקייט. נישט צו זינדיגען, וואורום איך פערדין גאנץ שעהן, איך האב שוין בערייזט די גאנצע וועלט, כ'האב פיל שפראכען געלערנט און האב זיך צונויפגע־טראפען מיט זעהר אינטערעסאנטע מענשען.

א פיינע ערינערונג איז מיר געבליבען פון שוועדען, וואו איך האב פערבראכט א לענגערע צייט. עס זענען פערהאן דארט זעהר אינטערע־סאנטע מענשען, אזעלכע סימפאטישע...

איהר פרעגט, מיט וואס איך פערטרייב די פרייע שעה'ן? איך לייען ביכער מיט צייטונגען. איבערהויפט לייען איך דייטשע און ענגלישע שריפט־שטעלער. בעזונדערס ליב האב איך הויפטמאן, זודערמאן און סטרינדבערג. כ'האב א ספעציעלע שוואכקייט צו לייענען סענטימענטאלע ראמאנען. כ'האב אויך געלייענט פיטיגרילי'ן, אבער ער גע־פעלט מיר נישט. ער איז א גרובער, ער מאכט חוזק פון דער פרוי, ער רייסט אראב דעם הייליגען שלייער, וואס האט תמיד פערדעקט איהר וועזען...

און אזוי האט זי דערצעהלט מיט א גלאטיגער אויסשפראך, מיט א טאן, וואס קלינגט זייבעריש צארט.

זי האט אלץ דערצעהלט וועגען זיך, אבער דאך איז עס נישט געווען אלץ, וואס זאל קאנען בעפרידיגען מיין נייגעריגקייט.

מיך האט אינטערעסירט אזעלכעס, וואס א דריטער האט אפשר נישט דאס רעכט ביי יענעם צו פרעגען. דאס זענען הארץ־זאכען, דאס איז די הייליגקייט, וואס איטליכער מענש טראגט עס טיף אין הארצען.

כ'האב זיך געוואקלט, אבער דאך דעצידירט.

— פרייליין גרעטא — האב איך קווענקלדיג זיך אנגערופען — איך וויל אייך שטעלען א פאר הארץ־פראגען. כ'ווייס, אז כ'האב נישט דאס רעכט דערצו, אבער... כ'וויל, איהר זאלט מיך פער־שטעהן.

זי האט זיך הארציג צולאכט און דערביי זיך שטארק פערדויטעלט, זי האט א כאפ געטאן א בליק אין שפיגעל, וואס איז געשטאנען נעבען איהר און זיך געווענדעט צו דער שוועסטער:

— אננא, פודיר מיך אביסעל אפ דאס פנים.

די שוועסטער האט ארויסגעצויגען דאס ביי־טעלע פודער מיט א רעהרעל שמינקע און אויף גיך פערשענערט גרעטא'ס אזוי אויך שעהן געזיכט.

דאן האט זיך גרעטא, אדער „וויאלעטא", ווי זי רופט זיך, אנגערופען:

— ביטע זעהר, אויב עס וועט זיך נאר לא־זען, וועל איך ענטפערען.

מיין ערשטער פראגע איז געווען:

— וואספער מיינונג האט איהר וועגען מענער?

זי האט זיך ווידער געהייסען דערלאנגען א שטיקעל שאקאלאד אין מויל אריין און האט גע־ענטפערט.

— די מענער זענען א מאדנע פאלק. מיט זיי איז שלעכט, אבער אהן זיי איז נאך ביטערער.

— וואספערע טיפען מענער זענען אייך מעהר סימפאטיש?

— אמבעסטען געפעלען מיר ברונעטען מיט איידעלע געזיכטער, מיט קלוגע אויגען. אבער א מאן מוז זיין צארט, איידעל און סענטימענטאל, ער זאל מיר קאנען געפעלען...

— האט איהר זיך שוין ווען ס'איז בעגעגענט מיט א מאן, וועלכער איז אייך בעזונדערס געפעלען געווארען?..

זי האט זיך ווידער פערדויטעלט און איבער־

— וואס מיינט איהר דערמיט?

געפרעגט:

— כ'מיין... איבער, וואס זאל האבען געמאכט אויף אייך א בעזונדערס שטארקען איינדרוק...

— יא, — האט זי פעסט געענטפערט.

— איז מיר ערלויבט צו פרעגען איינצעל־הייטען?

זי האט זיך אויף א ווילע פערטראכט און אנ־געהויבען דערצעהלען:

— דאס האט פאסירט אין שטאקהאלם. מיט 2 יאהר צוריק. כ'בין דעמאלט אלט געווען 19 יאהר. כ'האב געוואוינט אין א האטעל. עס איז געווען א ליכטיגער זומער טאג, אזא שעהנער, אזא זיסער טאג, וואס ווירקט אזוי שטארק אויף א סענטימענ־טאלער פרוי ווי איך בין. דאן האב איך ארויס־געקוקט דורכ'ן פענסטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן הויף, און איך האב זיך צונויפגעטראפען מיט די בליקען פון איינעם, וועלכער האט געוואוינט אקעגען מיין פענסטער.

כ'האב אויפגעכאפט זיין בליק און דערפיהלט האב איך גלייך, אז עס נעהמט מיר דורך א ווארי־מער שטראם, ער איז מיר געפעלען געווארען. ער האט געהאט אזעלכע פייערדיגע אויגען, אזעלכע פערפיהרערישע.

אזוי זענען געלאפען טעג מיט וואכען. גאנצע שעה'ן פלעג איך אבשטעהן ביים פענסטער און ער זיך זעהר זעלטען, א פנים, ער איז געווען בע־ ווארטען, ער זאל זיך בעווייזען. און בעוויזען האט שעפטיגט. אבער תמיד, ווען ער האט זיך בעווי־זען, פלעגט ער צו מיר אזוי ווארים שמייכלען. ער פלעגט מיך בעגריסען מיט א לייכטען שאקעל מיט'ן קאפ. ער איז אבער נישט געווען דרייסט, ער האט מיך נישט געקענט, ווייל ער האט נישט געוואוסט, ווער איך בין.

איך בין נעכט נישט געשלאפען. אין מיין הארץ האט געברענט א ליבע צו א מענש, וועל־כען איך האב בלויז געזעהן דורכ'ן פענסטער. כ'האב ליב געהאט א מענשען, וויסענדיג, פאר־אויס, אז מיין ליבע וועט קיינמאל נישט קאנען פערווירקליכט ווערען.

מיטאמאל ברענגט מען מיר אריין א בריוועל.

דאס איז געווען פון איהם. ער האט זיך ענטשולדיגט פאר זיין דרייסטקייט, ער האט מיך פערזיכערט, אז וואכען לאנג שוין האט ער מיך ליב און און דעריבער וויל ער זיך בעקענען מיט מיר. ער האט געבעטען א „ראנדקע", אויב איך וועל נאר מסכים זיין.

כ'האב זיך בעגאסען מיט טרעהרען און נישט געענטפערט. אייגענטליך, וואס האב איך געהאט צו ענטפערן? לעבט ער דען נישט אין א שרעק־ליכען טעות? אך, ווען ער זאל וויסען דעם בא־קעטען אמת...

עטליכע טעג נאכאנאנד האט ער זיך כסדר בעוויזען אין פענסטער. ער איז געווארען דערשלא־גען... אויף איהם האט געווירקט וואס איך האב איהם נישט געענטפערט. ער האט געליטען, אבער איך... איך האב געהאט פולע אויגען מיט טרעה־רען.

און דאן האט פאסירט דאס שרעקליכסטע. איך בין אויפגעטרעטען אין א צירק. מען האט מיך ארויסגעפיהרט אויף דער ארענע, כדי דאס פובלי־קום זאל מיך בעוואונדערן. מיטאמאל האב איך זיך צונויפגעטראפען מיט זיינע בליקען... ער איז געזעסען אין א לאזשע, א פנים, ער איז דא צופעליג אריינגעפאלען און... זינט דעמאלט האט ער זיך שוין מעהר אין פענסטער נישט בעוויזען. די ענטוישונג זיינע איז, א פנים געווען צו גרויס.

אט אזוי, ליבער פריינד, האט זיך אנגעהויבען און פערענדיגט מיין ערשטע ליבע.

פרייליין גרעטע, אדער „וויאלעטא" האט אויף מיר געווארפען א שעלמישען בליק און געפרעגט:

— אפשר אינטערעסירען אייך פערשידענע ליבעס־בריף וועלכע איך האב אין די לעצטע יאה־רען דערהאלטען? אננא, ווייז אהער דאס פעקעל בריף! — האט זי בעפוילען די שוועסטער.

ווען אננא האט דערלאנגט דאס בינטעל בריפ־לעך, האט „וויאלעטא" בעמערקט:

— פערשטעהט זיך, אז עס וועט אייך ער־לויבט זיין צו לייענען דעם אינהאלט, אבער נישט די אונטערשריפטען. דאס מוז בלייבען א געהיימניש.

און זעהענדיג מיין פעראינטערעסירונג, האט זי צוגעגעבען:

— אין לאדז בין איך ערשט דריי טעג און דאך האב איך שוין דערהאלטען עטליכע אזעלכע ליבעס־בריף... יא, יא, מיין פריינד, אמת'ע ליבעס־בריף, אין וועלכע מען בעט מיך, איך זאל זיי בעשענקען מיט א ספעציעלען שמייכעל...

און כדי מיך צו איבערצייגען, האט זי מיר גלייך געוויזען די ערשטע ווערטער פון אזא בריוועל, דארט האט מען געקאנט לייענען:

„מיין זעהר ליבע", אדער, „צו דער זעהר סימפאטישער". — נו, וואס זאגט איהר איצט דער־צו? פעהלט דען מיר, חלילה, „פאוואדזעניע"? איז מיר דען נישט וואוילער פון אנדערע פרויען שעהנע און געזונטע?

פון זאל האט זיך דערהערט דאס פאטשען פון פובליקום. דאס האט מען פערלאנגט, אז פרייליין „וויאלעטא" זאל אויפטרעטען.

זי האט זיך געזעגענט מיט א שמייכעל אויף די ליפען און געדאנקט פאר'ן אינטערעס, וואס מען ווייזט איהר ארויס.

ווען כ'בין ארויס אין גאס און האב דערזעהן אזוי פיל געזונטע לעבעדיגע מענשען, האב איך פרייער אבגעאטעמט...

י. מ—ז.

א יוד מיט א מאגעז

(ענדע פון דער 8־טער זייט).

טיגען מיט איער דיעט, דאס הייסט, מיט עסען א סך קאלבס־לעבער, כאטש דריי מאל א טאג!..

האב איך קיין סך נישט געטראכט, בעצאהלט דעם פעראיין דאקטאר און איך בין אהיים געגאנגען.

אויפ'ן וועג טרעף איך אן א קוזין, א שטיקעל כאווער, זאגט ער צו מיר: „כל זמן דו וועסט געהן צו די בורזשואזנע דאקטוירים, וועסטו נישט געזונט ווערען! פאלג מיך און כאפ זיך אריין צו דאקטאר שיפמאן; ער וועט דיך שטעלען אויף די פיס!"

און ער פיהרט מיך טאקע אליין אוועק צו דעם דאקטאר שיפמאן.

ער איז אן'ארבייטער פריינד, איז ער.

דערצעהלט מיר דער כאווערשער דאקטאר, אז יענע דאקטוירים האבען מיך דער־הרג'עט! אייך איז גארנישט מיט גארנישט. איהר ליידעט פון גאל־שטיינער און פון א ראק. ווייטער איז אייך גארנישט! אויב א סך, קענט איהר נאך לעבען דריי חדשים און אפשר דאס אויך נישט. עס קען זעהר מעגליך זיין, אז איהר וועט עס מאכען אין צוויי חדשים. דערווייל זאלט איהר עסען נאר אזעלכע זאכען, וואס פערמאגען אין זיך: קאלאריס, וויטאמינס, פראטעאינס, קארבאהאידרעיטס און נא־טיס און פראטיס. סיי ווי, זאגט ער, וועט איהר דאך באלד געהן א גאנג, טא עסט כאטש גוטע זאכען און דווקא א סך: שטארבען פאר הונגער לוינט זיך אייך נישט.

אט אזוי האט ער געזאגט דער דאקטאר שיפמאן

איז מיר איינגעפאלען: סיי־ווי־סיי האב איך גאל־שטיינער און א ראק, טא וואס־זשע דארף איך נאך געהן צו דאקטוירים? האב איך זיך ארויס־געשלאגען פון קאפ אט דאס אלץ און איך פיהל זיך, א דאנק דעם אויבערשטען, געזונט און שטארק! נישט איך האב גאלשטיינער, נישט קיין ראק, נישט גארנישט. איך עס און איך טרינק, און איך לאך זיך אויס פון דעם מלאך המות מיט אלע דאקטוירים.

אזוי ווי איז הויפט-סעזאן
אזוי אויך אין זומער
פערבלייבט אונזער פילם־רעפערטואר אויפ'ן העכסטען פונקט!
כאטש ס'איז זומער און אויך גרויסע אויסגאבען
וועט זיך קירצליך בעווייזען אויף אונזער עקראן
„דער וועג צום גן-עדן"
Liljan Harvey, Henri Garat
„אין דער נעץ פון ליגענד"
Emil Jannings, Gary Cooper
„אימפעסאריא"
Buster Keaton
„מיין זונעלע"
Janett Gaynor, Charles Farrell
דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט מיט די מאדערנ־סטע אפאראטען, וואס פערזיכערט כסדר פרישע לופט.
Capitol קלאנג־קינא

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 19 ד תמוז תרצ"א

יוני
זון-אויפגאנג 3.16
זון-אונטערגאנג 7.57
ליכט-צינדען 7.44

מוראדיגע פאניק בעת א שרפה אין באלוט

3 פרויען שפרינגען פון די פענסטער און ווערען פערוואונדעט

(2) נעכטען ביינאכט איז אויף זאווישא 39 אויסגעבראכען א שרפה ס'האבען זיך אנגעצונדען די קאמערען אינ'ם שכנות'דיגען הויז, אזוי ווי דאס הויז קען זיך יעדע מינוט אנצינדען.

צווישען די לאקאטארען וועלכע האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף, איז ענטשטאנען א פאניק און זיי האבען אנגעהויבען צו שפרינגען פון די פענסטער, דערביי האט די 60־יאהריגע פלארענטינא גאבריעל האט זיך צובראכען א פוס, קאטאזשינא סאלטישיאק, האט זיך צובראכען די הענט און פיס. די 18־יאהריגע מילדא ווייגבערג וועלכע האט געוואוינט אינ'ם בוידעם־שטיבעל האט זיך ארויפגעכאפט אויפ'ן דאך און ערשט פון דארט אראפגעשפרונגען און האט זיך צוקאלעטשעט דעם גאנצען קערפער. די אנגעקומענע פייערלעשער האבען די שרפה איינגעלאשען. די פערוואונדעטע פרויען האט מען ערטיילט מעדיצינישע הילף.

אפהאלאנגען פון דרייסטען רויב - אנפאל

דער דרייסטער אנפאל וועלכער איז נעכטען אויסגעפיהרט געווארען איבער'ן קאסיר פון דער פירמע „קאר־אלצוועד מאנופאקטור", בעת וועלכען מען האט ביי איהם צוגערויבט א וואליזקע מיט געלד, וואס איז געווען בעשטימט אויף אויסצוצאהלען די ארבייטער האט געמאכט אין לאדז א געוואלדיגען רושם. די גאנצע פאליציי פון דער גאנצער שטאט איז געשטעלט געווארען אויף די פיס, און די אויספארשונג איז פערברייטערט געווארען אויפ'ן שטח, פון גאנצען לאנד, דער לאדזער אויספארשונגס־אמט האט דורך טעלעפאנאגראמען און ראדיא מיטגעטיילט אלע פאליציי־אמטען אין דער גאנצער מלוכה און האט אנגעגעבען די גענויע סמנים פון די רויבער.

נעכטען נאכמיטאג האט מען מיטגעטיילט דער פאליציי אז אויפ'ן פאביאניצער שאסיי ווילט אין דער ריכטונג פון לאסק א פערדעכטיגער אויטא. א פאליציי־אויטא מיט עטליכע העכערע פונקציאנארען האט זיך באלד ג. לאזט נאכ'ן אויטא, אבער ווען מ'האט איהם אנגעיאגט האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער האט נישט קיין שום געמיינזאמעס מיט'ן אנפאל. אן'עהנליכער אלארם וועגען אן־אויטא אין בזשעזשין האט זיך ארויסגעשטעלט פאר פאלש.

די ערקלערונגען פון די צופעליגע עדות זענען זעהר נישט איינהייטליכע און צוטומלען די אויספארשונג., א גאנצע נאכט ביז 7 אינדערפריה האט געדויערט ד יאויספארשונג פון די עדות. פון זייערע כאאטישע ערקלערונגען איז שווער פעסטצושטעלען דעם גענויען אויסזעהען פון די רויבער.

נעכטען איז פעראָרדענט געווארען א לוסטראציע פון אלע אויטאס אין אונזער שטאט.

די לוסטראציע דויערט ווייטער. בפרט זוכט מען א בלויען אויטא און ס'גהט וועגען פעסטשטעלען דעם נומער. ביינאכט זענען אדורכגעפיהרט געווארען א רייה אבלאוועס און מ'האט נישט אר דורכגעלאזט קיין איין גנבישען נעסט. עס זענען געמאכט געווארען א רייה ארעסטען און די ארעסטירטע ווערען איצט פערהערט.

ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען אז דער געהיימנישפולער אויטא האט זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון ראקאטשי און פון דארט — קיין קאנסטאנטין, ס'איז אבער נישט אויסגעשלאסען אז די רויבער האבען שפעטער זיך געקענט אומקעהרען אינ'ם זעלבען אויטא אדער אויף אנ'אנדער אופן קיין לאדז, די פאליציי וועלכע פיהרט די אויספארשונג זעהר אנגעשטרענגט, איז זיכער אז ס'וועט איהר געלונגען די רויבער צו ענטדעקען און פערהאלטען.

(2) דער קאסירער מיכעל און דער פוהרמאן קאוואלטשיק וועלכע מ'האט אין אויספארשונגס־אמט פארגעוויזען דעם אלבום מיט די פאטאגראפיעס פון די פערברעכער האבען נישט געפונען צווישען זיי די אנפאלער. די עדות ערקלערונגען זענען נישט איינהייטליך, בנוגע צי דער אויטא איז געווען א פריוואטער צי א לוקסוס־אויטא. די פאליציי האט א פערדאכט אז אויף דעם אויטא איז געווען אנגעמאלט א טאקסובקע־נומער כדי אריינצופיהרען די מאכט אין א טעות, איינס איז זיכער פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער אויטא איז געווען א בלויער.

(א) צווישען די פערהאלטענע זענען פערהאן 4 פערדעכטיגע וואס גיבען אפ זעהר פערפלאנטערטע ערקלערונגען און קענען זייער אליבי נישט בעווייזען. אגב זענען זיי איינהאבער פון טאקסובקעס פון א בלויער פארב. די אויספארשונג ווערט ווייטער געפיהרט אונטער דער ענערגישער לייטונג פון דעם לייטער אין דער וואיעוואדישער אויספארשונגס־אמט אינספעקטאר נאסעק.

דייטשער פראכט=וואגאן

זיך איבערגעקעהרט אויף דער קאלישער באהן-סטאציע

(2) אויף דער לאדז־קאלישער באהן־סטאציע איז נעכטען א מאנעווריר'נדער צוג אפגעפאהרען אויף א וואגאן וואס איז געשטאנען אויף א בעזונדערער ליניע און דעם וואגאן איבערגעקעהרט.

די באהן־מאכט האט פעסטגעשטעלט אז דער וואגאן שטאמט פון וועסטפאלען אין דייטשלאנד און אין איהם געפונען זיך מאטעריאלען וואס ווערען לייכט בעשעדיגט. דער וואגאן מיט דער אויפשריפט „פראגיל" איז נעכטען אנגעקומען קיין לאדז און איז אפגעשטעלט געווארען אויף א בעזונדערען טאר.

היינט וועט א ספעציעלע קאמיסיע עפענען דעם וואגאן כדי פעסטצושטעלען, וואס פאר א שאדען ס'איז געשעהען.

פראצעס פון לאוניק קוק געגען ד"ר וויעלינסקי

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך איז דער פראצעס וועלכען לאוויק קוק האט פערפיהרט דורך דער פראקוראטור געגען ד"ר וויעלינסקי, שוין אויעק אין גאנג. דער פראצעס וועט זיין ןאיינער פון די אינטערעסאנטסטע אין די לעצטע חדשים. אלס עדות וועלע ןארויסגערופען ווערען אלע מיטגלידער פון דער קאמיסיע וואס האט געפיהרט די אויספארשונג וועגען די פארוואורפען וואס זענען געמאכט געווארען די לאוויקעס כמעט אלע מיטגלידער פון מאגיסטראט, בעאמטע, א צעהנדליג איינהאבער פון פערשידענע פירמעס, און איבער א צעהנדליג ראטמענער.

רעזאלוציעס פון פאבריקס-דעלעגאטען

אין דעם קלאסען-טעקסטיל-פעראיין

(2) אויף דער נעכטיגער פערזאמלונג פון פאבריקס־דעלעגאטען ביים טעקסטיל־ארבייטער פערבאנד איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, לויט וועלכער: 1) די פאבריק־ארבייטער ווערען אויפגעפאדערט נישט צו ארבייטען בשתיקה איבער'שעה'ן. מחמת צוליב דעם זענען אנירך צעהן טויזענד ארבייטער לחלוטין ארבייטסלאז, און 2) די רעגירונג ווערט אויפגעפאדערט צו פערלענגערען די אונטערשטיצונגס־צייט אויף 17 וואכען ווי כ־געווען פאראיאהרען, ווייל אויפ'ן חשבון פון די ארימסטע דארפען נישט געמאכט ווערען קיין בודזשעט־אפשפארונגען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: ש. יאנקיעלעוויטש, אלטער מארק 9; ז. שטעקעל, לימאנאווסקיעגא 37; ב. גלוכאווסקי, נארוטאוויטש־גאס 4; סס. האלבורג, גלובנא 50; ל. פאוולאווסקי, פיעטריקאווער 307; א. פיאטראווסקי, פאמארסקא 91.

די מאטורא אין גימנאזיום „וויעדזא"

דעם 17 ד.ח. זענען פערענדיגט געווארען די רייפהייטס־עגזאמענס אין גימנאזיום „וויעדזא", און פאלגענדע שילערינס האבען בעקומען רייפהייטס־צייגנישען: אייזנער אידא, בארנשטיין סאלא, ברוין ניציא. ...ילניק צילא, פריידענרייך רעגינא פיטער. מאן ...ר. פרידמאן ליובא, פליישהאקער מאניא, פירסטענבערג לאניא, גליקסמאן יאדזיא, קאץ אידא קארזעץ פראניא, לעמבערג פראניא, ניימאן סאלא, נייפעלד לידזא, פיטעל מאריא, וואידיסלאווסקא העלא, זאכאריאש געניא.

פאבאר פון יאהרגאנג 1910

היינט, פרייטאג, שטעלען זיך:

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 1

(זאקאנטנע 82)

מענער פון יאהרגאנג 1910, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 9 פאליציי־קאמיסאריאט, די פאמיליען נעמען פון וועלכע עס הויבען זיך אן מיט די אותיות:

K M N O

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 2

(אגראדאווא 34)

די וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 14־טען קאמיסאריאט – מיט די אותיות:

K U

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 3

(אל. קאשטשושקי 21)

פאבאראווצעס פון די יאהרגענג 1909 קאט. B פון 14 פאליציי־קאמיסאריאט

פון K ביז צום סוף.

די פאבאראווצעס, וואס האבען זיך לעת עתה נישט געשטעלט צו די בעשטימטע טערמינען, און די סיבות זענען בערעכטיגטע, וועלען זיך קענען מעלדען צו די קאמיסיעס ערשט פון דעם 26 ביז'ן 30 ד. י. אפהענגיג פונ'ם יאהרגאנג און קאמיסאריאט, אויפ'ן שטח פון וועלכע זיי וואוינען. דערביי וועלען זיי דארפען צושטעלען דאקומענטען, וואס בערעכטיגען זייער פערשפעטיגונג.

שטיצע פאר ארבייטסלאזע

דער מאגיסטראט איז מודיע, אז דאנערשטאג האט זיך אנגעהויבען די אויסצאהלונגען פון שטיצע פאר ארבייטסלאזע, וועלכע האלטען אויס פאמיליעס און האבען זיך רעגיסטרירט אין אונטערשטיצונגס־אמט, 28 פולק. קאז. שיסער 32, פון 1 ביז'ן 8 יוני.

היינט, פרייטאג, 20 יוני אותיות:

L Ł M N O P R

שבת, 21 יוני אותיות:

S T U W Z

נישט געקומען צו א הסכם

צווישען די הויזבעזיצער און די סטרוזשעס

(2) נעכטען האט געזאלט אין ארבייטס־אינספעקטאריאט פארקומען א קאנפערענץ צווישען הויז בעזיצער און הויז – וועכטער, געקומען זענען אבער בלויז די פארשטייער פון די הויזוועכטער. די הויז בעזיצער האבען צוגעשיקט א בריף, אז זיי זענען מסכים צו אקצעפטירען דעם פאראיאהריגען אפמאך, אבער זאגען זיך קאטעגאריש אפ צו געבען די געפאדערטע 25 פראצענטיגע הוספה.

מחמת דעם וועט דער ארבייטס־אינספעקטאר וואיטקעוויטש היינט אינטערווענירען אין מיניסטעריום וועגען צוזאמענרופען אנ'אויסעראָרדענטליכע בוררים־קאמיסיע.

קלאנג-פילם-טעאטער
„CASINO"
היינט און פאלג. טעג!
גרויסע פילם־פראדוקציע Fox פון לעבען פון די זעלנער פון פרעמדען־לעגיאן
די בלום פון אלזשיר
אין די הויפטראלען:
FIFI DORSAY i HAROLD MURRAY
אויסער'ן פראגראם:
קלאנג-צוגאבע פון „FOX"
ווי אויך לאיד־אקטואליטעטען.
אנהויב 6 אוו., אויפ'ן 1־טען סעאנס פון 6-8 זענען די פרייזן פ רקלענערט
שבת אנהויב 4 נאכמ. זונטאג 12 מיטאג
פרייזן אויף די פרימארגן־פארשטעלונגען
75 גר. און 1 זל.

WYJAZDY ZAGRANICĘ — BEZ PASZPORTÓW i WIZ!
LETNIE PODRÓŻE MORSKIE
Transatlantyckiemi okrętami
„POLONJA", — „PUŁASKI," — „KOŚCIUSZKO".
na fjordy Norwegji — od 18. lipca do 2. sierpnia b.r. Bilety od 500 zł.;
do Kopenhagi — od 25. lipca do 29. lipca b. r. Bilety od 175 zł.;
do Stanów Zjednoczonych Ameryki —
od 29. lipca do 26. sierpnia b. r. Bilety od 1.975 zł.
do Sztokholmu, Rygi Visby —
od 3. sierpnia do 9. sierpnia b. r. Bilety od 225 zł.;
do Londynu, Rotterdamu i Kopenhagi —
od 6. sierpnia do 17 sierpnia b. r. Bilety od 375 zł.
Bliższe informacje i sprzedaż biletów w biurach Linji Gdynia-Ameryka w Warszawie, Marszałkowska 116, tel. 547-46, oraz w biurach Wagons-Lits-Cook, Orbis, Francopol i Ligi Morskiej i Kolonjalnej.

לאדזשער שטאט=טעאטער
גאסטראלן פון דער ווילנער טרופע
XVI יאר. 15־יעריקער יובל-טורנע אנפ. מ. מזאה.
היינט, פרייטאג האלב 10 אוונד און מארגען שבת 9 אוונט
„שווארצע געטא"
(אלע גאסס קינדער האבן פליגל)
פון יודזשין א ניעל. רעזשי: יעקב ראטבוים. דעקאראציעס און קאסטיומען–אנדזשעי פראנאשקא. נעגער־געזאנג – הענעך קאז.
— עס נעמען אנטייל: —
דזשים האררים . . . . יעקב וויסליץ
אלס יינגל . . . . . . יוסף ווידעצקי
מרס האררים, זיין מוטער יוכבד וויסליץ
כאטשי, זיין שוועסטער . נעמי נאטאן
דזשא . . . . מיכאל קאץ
עללא דאוונער . . . . מרים ארלעסקא
מיקי . . . . מ. לעמבערגער
שארטי . . . . מעלניק
אין דער קינדער-סצענע 1. בילד (יצחק דגים, דבורה ראזענבלום, שבתי בליאכער, אסתר גאלדענבערג)
נעגערס און ווייסע. צווישן אנהויב און ענדע פון דער פיעסע פערלויפן 17 יאר.
די צווייטע פרעמיערע — פון דוד בערגעלסאן — די ברויט=מיהל

Sonnengebräunt... leicht gesagt aber was tun gegen die lästigen
Sommersprossen
-denken Sie.- Fort mit ihnen durch Gebrauch von
Leschnitzer
Creme und Seife.
Leschnitzer ist unbedingt wirksamer.
Creme 3.15 Überall erhältlich Seife 2.-
Wo nicht, direkt bei: Apoth. Drancz & Co, Bielsko.

ציהונג פון דער 23-טער מלוכה-לאטעריע

צווייטער קלאס — צווייטער טאג

10,000 זל. — 172356.
5,000 זל. — 172269 184412.
1,000 זל. — 138777 167115 201945
500 זל. — 87249 91707 127669
400 זל. — 42323 63012 64582 66679 77996 189940 191897.
300 זל. — 35351 36055 40267 55015 67087 74007 74100 81940 89977 93528 105728 119177 141691 153369 162679 166078 168266 201129 202764 205827 206876 206960 207868.

חוה'לע די געלע

(ענדע פון דער 10. זייט!)

געשריבען, אז ער גלויבט נישט קיין איין ווארט, האט ח'ה'לע בעשלאסען להכעיס אלעמען דוקא זיך אויפפיהרען אזוי, אז עס זאל שטעכען אלעמענס אויגען.

נישט נאר האט זי אנגעהויבען אפצוהאלטען הערשעל קצב ביי זיך אין שטוב לענגער, נאר זי פלעגט אויך פון צייט צו צייט כאפען א שפאציר מיט בערישעל פוסט און פאסניק וועמען אלע אין שטעטעל האבען געהאלטען פאר אנ׳הולטאי און טאמער איז דאס נאך געווען ווייניג, האט זי אפטמאל אריינגעבעטען דעם פוילישען בריף-טרעגער אין שטוב אריין יעדעס מאל, ווען ער האט איהר געבראכט פון איהר מאן א בריף.

אט די אויפפיהרונג האט אויפגעהויבען אויף איהר דעם כעס אויך פון הערשעל קצב און פון בערישעל פוסט און פאסניק, וועלכע האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען חושד צו זיין איינער דעם אנדערען און ביידע צוזאמען האבען חושד געווען, אז דער אמת'ער געליבטער איז דער פוילישער בריף-טרעגער.

לעצטענס איז אויך געווען א שטיקעל געשעהעניש, ווען מען האט איהר א פאר מאל געזעהען אין די אווענטען שפאצירען מיט דעם גאסט פון אמעריקא, וועלכער האט פערבראכט א פאר וואכען אין שטעטעל.

— ח'ה'לע האט שוין א בייעם, — האט מען זיך געווויצעלט און ווען דער אמעריקאנער האט גאר צום סוף חתונה געהאט מיט עטעל משה איציקס און זי צוגענומען מיט זיך קיין אמעריקא, האט מען א צייט באכדעם גערעדט וועגען איהר מיט א נקמה געפיהל.

— ער האט איהר אנגעפייפט, האט ער איהר.

אט אזוי האט מען גערעדט און ח'ה'לע, וועלכע האט פון אלץ געוואוסט, האט כלומרשט זיך געהאלטען ביי די זייטען פון געלעכטער:

— כא, כא, כא! — האט זי געלאכט און נישט אויפגעהערט איבער'צוחזר'ען.

— זיי ווייסען נישט, אז איך האב דעם שדון צונויפגעפיהרט.

ז.

פונדעסטוועגען, אז עס איז בעוואוסט געווארען, אז ח'ה'לע פאהרט שוין ענדליך אפ קיין אמעריקא איז געווארען א שטיקעל טומעל און אלע האבען בעדויערט:

— טאקע א חוצפה — האט מען גערעדט צווישען זיך אויפ'ן מארק, אבער מיט בעדויערען אויף די פנים'ער האט מען מוסיף געווען

— א גוט הארץ האט זי.

און ח'ה'לע אליין?

דעם ערשטען טאג, ווען עס איז איהר אנגעקומען דער בריף, אז איהר מאן איז שוין ענדליך אנ'אמעריקאנער בירגער און אז זי זאל זיך גלייך איינפאקען און קומען איז זי געווען זעהר גליקליך, אבער אז עס איז געקומען צום פאקען איז איהר הארץ געווארען שווער.

דאס שטעטעל, וואס האט איהר די גאנצע צייט געהאלטען אין מויל איז איהר פלוצלונג געווארען אזוי אייגען און נאהענט, און ווען עמיצער האט איהר די לעצטע טעג צוגעטראגען א פאר בייזע רכילות'לעך, האט זי בלויז געשמייכעלט און נישט מעהר געזאגט, ווי איהר שטייגער איז געווען:

— אז צוזעצט זאלען זיי ווערען.

אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל-בעארבייטונגען
שלאסעריי-ארבייטען
מאשינען-טיילען
פיהרט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
קאנסטאנטינער 11/13
(רוג זאכאדניא)

Grand-Kino
מיט'ן היינטיגען טאג אויפ'ן זומער-סעזאן
זענען די פרייזן פער'קלענערט!
פילם, וואס ציהט אריין די צושויער אין א פערוויקעלטע אינטריגע א. נ.
„געשפענסט פון די סאלאנען"
סאלאן-דראמע. רעזשי R. Eichberg
אין די הויפט-ראלן: די בעדייטענדסטע שטערנס פון דער ענגלישער סצענע און עקראן
M. Angelus, Eve Grey, J. Thomson, J. Rains
מוזיק: H. May מיטרייסענדע אקציע. נישט געזעהענע ביז איצט עפעקטען און פאסירונגען.
אנהויב 6 אווענד. א. פראגראם: „Micky-Maus" פרעהליכע קאמעדיע א.נ.
מיקי, אלס קאנקורענט פון דוגלאס פערבענקס
שבת און זונטאג, 12 בייטאג — פריהמארגען-פארשטעל. צו די פרייזען פון 75 גר. און 1 זל.

די אויסשטעלונג פון מאלער יעקב מיטלער אויף מאניושקי 2

דער בעוואוסטער לאדזער קונסט-מאלער יעקב מיטלער וועלכער וואוינט זייט 2 יאהר אין פאריז שטעלט אויס זייבע לעצטע שאפונגען צוזאמען מיט דעם סקולפטור כיימאוויטש. די געמיינזאמע קונסט אויסשטעלונג האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין די קינסטלערישע קרייזען. ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו בעמערקען אז די גאנצע לאדזער יודישע, פוילישע און דייטשע פרעסע האט זיך אפגערופען מיט בעגייסטערונג וועגען די אויבען דערמאנטע קינסטלער. די אינטערעסאנטע אויסשטעלונג וועט נאך זיין אפען נאר ביז מאנטאג ד. 22 יוני, דער אריינגאנג איז ווייטער פריי

פון דוד הערמאן טעאטער

היינט און מארגען -- די ראמאנטישע לעגענדע פון יעקב פרעגער „דער בסיון" וועלכער איז געווארען דער געשפרעך פון טאג אין לאדז.

די מייסטערהאפטע רעזשי פון דוד הערמאן און דאס קינסטלערישע שפילען רופען ארויס בעגייסטערונג ביים פול געפאקטען עולם, וועלכער בעשענקט די שוישפילער מיט דעם פרעמיער יוסף קאמען מיט לאנג-דויערנדע און שטורמישע אפלאדיסמענטען.

שבת 12 פארמיטאג — „מאן, ווייב און רעוואלוציע".

שבת 4.30 בייטאג — "דער טויבער" (די ברויט-מיל). פרייזען פון 50 גר. ביז 1.50.

מאן, ווייב און רעוואלוציע

פאפולערע פארשטעלונג פאר דער יוד. ארבייטערשאפט אין פילהארמאניע

דינסטאג, ד. 23. ה. ח. קומט פאר אין פילהארמאניע-זאל נאר איין פארשטעלונג פון דוד הערמאן - טעאטער. אויפגעפיהרט וועט ווערען די בעריהמטע קאמעדיע פון היינטיגען לעבענס-שטייגער אין ראטען-פערבאנד — „מאן, ווייב און רעוואלוציע די דאזיגע פרעכטיגע קאמעדיע איז שוין אויפגעפיהרט געווארען אויף א גאנצע רייה סצענעס מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

עס איז א פארשטעלונג, וואס שפיגעלט אפ די לעצטע טעג אונזערע. די יודישע ארבייטערשאפט, ווי אויך די ארבייטער-יוגענד וועט געוויס קומען דינסטאג אווענד אין פילהארמאניע-זאל אויף די דאזיגער זעהר אינטערעסאנטער פארשטעלונג.

Pamiętaj że kryształ
o sile lampy to:
ZŁOTY PUNKT
dać weźb wszystkich sklepach Radjowych

ראדיא-פראגראם

פרייטאג, ד. 19 יוני

12.05 צייט-סיגנאל. 1.15 גראמאפאן-מוזיק. 1.25 טאג-פראגראם. 4.00 הפסקה. 4.10 יוינקעל פאר קורצע פאליעס. 4.30 גראמאפאן-פליטען, 4.47 טראנסמיסיע פון ווארשא, 4.50 קאמוניקאטען פאר פישער און שיפער, 5.10 לעקציע פראנצויזיש. 5.35 גראמאפאן-פליטען, 6.00 פארטראג. 7.00 קאנצערט פון מאנדאלין-ארקעסטער. 7.20 פערשידענעס. 7.40 גראמאפאן-מוזיק. 8.00 קאמוניקאט פון לאדזער האנדעלס-קאמער. 8.10 ראדיא-טאג-בעריכט. 8.15 סימפאנישער קאנצערט. ליטערארישע פערטעל שעה, לייכטע מוזיק און קאמוניקאטען.

שבת. ד. 20 יוני

12.05 צייט-סיגנאל. 1.15 גראמאפאן-מוזיק. 1.52 טאג-פראגראם, 400 הפסקה. 4.30 פראגראם פאר קינדער. 4.50 קאנצערט פאר יוגענד. 5.10 פארטראג. 7.00 קאנצערט. 7.20 פערשידענעס. 7.30 גראמאפאן-פליטען. 7.50 פארטראג, 8.00 ראדיא-פרעסע, 10.00 לייכטע מוזיק, 10.20 ראדיא-בעריכטען, 10.50 שאפענס שאפונג, 11.00 קאמוניקאטען, 12.00 קאנצערט.

ביים אנהויב פון פערקאלכונג פון בלוט-אדערן
פיהרט דער געברויך פון נאטירליכען ביטער-וואסער
Franciszka Józefa
צו רעגעלמעסיגער ענטלעהרונג. און אראבזעצונג פון הויכען בלוט-דרוק. צובעקומען אין אלע אפטייקען און סקל.-שפעטעס.

1-טער קלאנג-קינא-טעאטער אין לאדז
„SPLENDID"
ליבע, פערראט, פלירט און אפפערונג הינטער די קוליסען פון קאבארעט.
די פרעכטיגסטע קלאנג-קאמעדיע א. נ.
פרעכטיג מיידעל
מיט'ן פרעכטיגסטען ליבלינג פון אייראפע
ANNA ONDRA אין דער הויפט-ראלע.
Zygfryd Arno-Lopek אין דער ראל פון
אנהויב 6 א זייגער נאכמ.
פרייזן פון די פלעצער אויפ'ן זומער-סעזאן
1, 1.50, 2 און 2.50 זל.

אלימפיאדע- טורן- און ספארט-פעסט פון „מארגענשטערן"

קומט פאר מארגען, שבת אויפ'ן העלענאוו-פלאץ

מארגען שבת קומט פאר אויפ'ן ספארט-פלאץ אין העלענאוו דער גרויסער „אלימפיאדע טורן- און ספארט-פעסט" פון „מארגענשטערן". דער דאזיגער פעסט וועט, ווי אלע ביז איצטיגע פעסטען פון „מארגענשטערן" זיך אהן ספק פערוואנדלען אין א דעמאנסטראציע פאר דער פיזישער דערציהונג פון דער יודישער ארבייטער יוגענד.

דאס פראגראם פון הייריגען פעסט איז אינטערעסאנט, הן פאר ספארטלער-מבינים, הן פאר סתם צושויער. די אינסטרוקטארען פון „מארגענשטערן" האבען אין הייריגען פעסט אריינגעלעגט א סך ארבייט. די אלגעמיינע פריי-איבונג, וועלכע וועט אויסגעפיהרט ווערען פון די הונדערטער ספארטלער וועט זיין א הערליכע דעמאנסטראציע פון מוסקולען-שפיל און קערפערליכע אויסשולונג. בעזונדערס אינטערעסאנט וועלען זיין די גימנאסטישע איבונגען, וואס זענען צוגעגרייט געווארען פאר דער ווינער אלימפיאדע, אין וועלכער עס וועלען זיך בעטייליגען הונדערטער, טויזענדער ספארטלער פון אלע עקען וועלט.

צו די איבונגען זענען צוגעגרייט געווארען ספעציעלע פארביגע קאסטיומען, וועלכע וועלען דעם פעסט מאכען דעקאראטיווער און אנגענעהם פאר'ן אויג. די איבונגען וועלען בעגלייט ווערען פון דעם בלאז-ארקעסטער ביי דער געזעלשאפט קולטור-ליגע.

די גאסטראלען פון דער ווילנער טרופע אין שטאט-טעאטער

היינט, פרייטאג, האלב 10 אווענד און מארגען שבת 9 אווענד גיבען די ווילנער ווייטער דאס „שווארצע געטא" פון יודישען אניעל. דאס „שווארצע געטא" האט בעוויזען אין משך פון די פאר טעג זיך קונה שם צו זיין ביים בעסערן לאדזער עולם, א דאנק דעם וואונדערבאר'ען שפילען פון מרים ארלעסקא און יעקב ווייסליץ בראש פון דעם גלענצענדען אנסאמבל פון דער ווילנער טרופע.

נעהמענדיג אין בעטראכט, דאס דער רעזשיסער פון דער פיעסע איז יעקב ראטבוים. די פרעכטיגע דעקאראציעס און קאסטיומען זענען פראיעקטירט פון בעקאנטען מאלער אנדזשיי פראנאשקא און די הארציגע נעגער געזאנגען זענען פון העכער קאן אין נישט קיין וואונדער, אז דאס טעאטער ווערט זעהר שטארק בעזוכט און די ארטיסטען ווערען בעשאנקען פון צאהלרייכען עולם מיט הארציגע, לאנג-דויערנדע בראוואס.

אלס צווייטע פרעמיערע גרייט זיך דיד בערגעלסאנס „ברויט-מיהל". אין ברויט-מיהל — טרעט שוין אויף דער בעקאנטער [illegible] שמואל לאנדוי.

א שלאקסרעגען

(—) נעכטען איז איבער אונזער שטאט אדורך א שטארקער גוס-רעגען מיט דונערס און בליצען.

איין דונער האט אריינגעטראפען אין די רעקלאמען-שילדען פון קינא „קאסינא". עס איז אויס געבראכען א שריפה, וועלכע פייערלעשער האבען באלד איינגעלאשען.

פראטעסט פון שטאטישע בעאמטע געגען רעדוקציע פון 15 פר.

(2) אויף א דעלעגאטען-פערזאמלונג פון שטאטישע בעאמטע איז דא אנגענומען געווארען א בעשלוס צו ווענדען זיך אין אינערן-מיניסטעריום מיט א שארפען פראטעסט געגען דער 15-פראצענטיגער רעדוקציע פון די בעאמטען-שכירות.

זיך דערטרונקען

(2) בעת'ן באדען זיך אין זעליכס-סטאוו האט הענריק גרימשעווסקי זיך אנגעהויבען צו טרינקען און אידער מ'איז איהם געקומען צו הילף, איז ער פערשוואונדען פון דער אויבערפלאך. ערשט אין עטליכע שעה ארום האט מען געפונען דעם קערפער.

יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט

שבת דעם 20 ד.ח. 10 פריה — בעטאן-פאבריק אויף פאלעשיע. זונטאג דעם 21 ד.ח. 8.30 פריה — לאגעווניק. זגערזש און סמארדזעוו. דעם 28 און 29 ד.ח. — טאמאשאוו, ספאלע און אומגעגענד. די טוריסטישע אפרו-קאלאניעס אין קאזשימיעזש און זאקאפאנע זענען שוין טעטיג. איינשרייבונגען ווערען נאך אנגענומען.

היינט פרייטאג דעם 19 ד.ח. 9.30 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די לעצטע פארלעזונג פון ה׳ ב. אייסוראוויטש א.ד.ט. „דער פאנטאסטישער קאמף אין אינדיען". (פון ציקל „דער פערכשופטער מזרח").

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט, פיעטריקאווער 56, מאנטאג, מיטוואך און און פרייטאג 10-8 אווענד.

לטובת „לינת הצדק"

גארטען-פערוויילונג אין „העלענאוו"

די לאדזער נאכט-פאגאטאוויע „לינת הצדק" ארדענט איין דעם קומענדיגען זונטאג 3 נאכמיטאג אין „העלענאוו" א גראנדיעזע גארטען-פערוויילונג, פון וועלכען די הכנסה איז בעשטימט צו ראטעווען די שווערע מאטעריעלע לאגע פון דער אינסטיטוציע.

דער לאדזער בעפעלקערונג איז גענוג בעקאנט די טעטיגקייט פון „לינת הצדק". און עס איצט הערשענדען קריזיס, זענען די הכנסות דערגאנגען אפילו איבעריג געווען אנצווייזען אז ביי דעם געגען ביז צו א מינימום, דאגעגען די הוצאות ווערען טאג-טעגליך פערגרעסערט.

די גראנדיעזע גארטען-פערוויילונג אין „העלענאוו" וועט האבען א רייך אטראקציאנעל פראגראם, חי 2 ארקעסטערס, ארטיסטישע אויפטריטען, פאנטאן-לאטעריע מיט טויזענדער ווערטפולע געווינסען, עלעקטרישע אילומינאציע, ניאגארא וואסערפאל, גליקס-ראד, בלומען-שלאכט א. א. ז.

„מרכז עברי"

אין דער לעצטער וואך איז די לייטונג פון דער העבראישער ארגאניזאציע „מרכז-עברי" צוגעטרעטען צו ארגאניזירען ספעציעלע העבראישע אווענד-קורסען, אויף די זומער-חדשים. די קורסען וועלען ווערען געפיהרט דורך פאכלייט, און וועלען שטעהן אונטער דער שטענדיגער השגחה פון „מרכז-עברי".

זומער-פרעסע-רעדוטע
HELENÓW
28-טעז יובל

IMPREGNATOR
(KARBOLINEUM)
DO KONSERWOWANIA DRZEWA
POLECA
Gazownia Miejska
TARGOWA 18

אויף די
הייסע
טעג
עמפפעהלען מיר
אלפאגע-מארינארקעס
צו זל. 19.75
קאמגארן-אנציגער
אין פערשידענע מוסטערן און קאלירען
פון 59.—
אימפרעגנירטע רעגען-מאנטלען
אין דער בעסטער אויספיהרונג
פון 27.50
גאבארדין-פאלטענס
אין פערשידענע קאלירען
פון 59.—

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

זאל יעדער וויסען!
אז אין מיין
מעבעל-געשעפט
קומט מען מעבעל עוצעלע אין קאמפלעטען
צו קאנקורענץ-פרייזען בילינער ווי
איבעראל! און מיר טוישען אויס אלטע מעבעל
אויף נייע צו ציגענגליכע פרייזען.
וואולטשאנסקא 11
ווייגנאלד און ווייגבלום.
געדענקט דעם אדרעס! קומט איבערציינט אייך!

יעדער איינציגער
האט זיך אי-
בערצייגט,
אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען או"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געגוצטע
מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

וויכטיג פאר שאכטעלמאכער
און שוסטער-צודאטען-געוועלבער
איך בעזיץ א גרויסען אויסוואהל
פון ווייסע, ברוינע און רייבשליף
רעקער
ווי אויך פאר פאסט-פאקעטען אינלענדישע
און אויסלענדישע צו קאנקורענץ-פרייזע
Hurtowy Skład Papieru i Tektury
J. M. LIPIŃSKI
Łódź, ul. Zachodnia 59.
telefon 171-13

בוימוואלענע Voile
אין פערשידענע מוסטערן
פון 1.30
געדרוקטער באטיסט
אין א גרויסן אויסוואהל
פון 2.33
Mousseline de laine
אין די נייעסטע מוסטערן
פון 3.60
Toile de Soie
אין אלע פארבען
פון 2.95
Kasze ריינע וואל
קאלירט
פון 4.—

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

מאשיד-מצות
ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע
ווי אויך מצה-מעהל. אייער-פערפעל
אין סוב ארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בא-
קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער
איבעראל בעוואוסטער צוקערביע
ב. ווייגבערג
38 פיעטריקאווער 38
:-: טעלעפאן 143-82. :-:

מיר בעזיצען אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון סחורות
סעקונדא, בראק און רעשטלעך
מיר מאכן אויפמערקזאם דער ג' קונדשאפט אויף א נזערע ווידזעווער ארטיקלען יזון דער
ספעצ. OK מארקע
מיר עמפעהלען באדע-מאנטלען אין ערשטקל. אויספירונג

„פראצא"–(PRACA)
קאנצעסיאנירטע פרויען-פאך-קורסען
וואולטשאנסקא 21, טעל. 167-15
נעמען אן איינשרייבונגען אויף פאלגענדע אפטיילונגען:
1) דאמען-שניידעריי
2) שטיקעריי-האנד-ארבייטען
3) וועש-ארבייט
4) הוטען-פוצעריי-קאפעלושען
5) אנדוקאציע
6) מאניקיר
דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 9 – 1 בייטאג

Bielizna
DAMSKA
ווייסע
טעגלכע העמדער
אין גוטען סארט
פון 2.20
קאלירטע
טעגליכע העמדער
געשטיקט סאלעדא
פון 4.30
ווייסע
נאכט - העמדער
מיט שפיצען און איינזאץ
פון 5.20
באטיסט - נאכט-
העמדער
האנד-ארבייט פון 9.80
קאמבינאציעס ווייסע
נאנסוו, געשטיקט סאלעדא פון 4.75
קאמבינאציעס קאלירטע
אפאל מיט איינזאץ פון 5.75
קאמבינאציעס פון באטיסט
אין בלומען מיט איינזאץ פון 6.75

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

פערפומעריע
J. Drukier
לאדז, זאוואדזקא 5
טעלעפאן 175-92
מאכט בעקאנט, אז זי האט איבערגענומען
די פערטרעטונג אויף דער
גאנצער לאדזער וואיעוואדזטווע
פון די אויסגעצייכנטע
פרעזערוואטיווען
RADIO-GUMME
„OLLA" PREZERWATYWY
דארט זענען אויך שטענדיג אויף לאגער
פרישע פרעזערוואטיווען פון דער
מארקע „OLLA"

בוכהאלטעריע
איינפאכע און דאפעלטע
איטאליענישע און אמעריקאנישע
תו אויך מאשין-שרייבען און רעכנען לערן
איך אויס גרונדליך פאר 25 זל. מיט א קור-
צער טעטארע אין פערלויף פון 1 חודש 15 זל.
בלויז מאשין-שרייבען אין משך פון 3 וואָ-
כען נור 6 זל. קילינסקיעגא 50, קווער-
אפיצינע, 1-טער שטאק. מיר ערמעלען אויך
קארעספאנדענץ האט דעלם-אריטמעטיק און
סטענאגראפיע

ווייסע טישטיכער
אין העכסטער קוואליטעט פון 4.75
קאלירטע טישטיכער
אין געשמאקפולע מוסטערן פון 6.30
ווייסע סערוועטקעס
אין א גרויסן אויסוואל פון 1.08
קאלירטע סערוועטקעס
אין פערשידענע מוסטערן פון 1.56
טעה-סערוועטלעך
מערעשקע, פאר גערטנער פון 12.60
זיידענע טישטיכער
גאבעלין פון 29.50
זיידענע טישטיכער
ריפסענע פון 28.—
גאבעלין-קאפעס
דורכגעוועבט מיט זייד פון 16.—

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

רעסטאראן „MOULIN ROUGE“ מאניושקי 1 טעלעפ. 111-04

פון היינט גיבען מיר ארויס געשמאקהאפטע מיטאגען פון 3 גענג 2 זל.

די קוך געפינט זיך אונטער לייטונג פון לאנגיעהריגען אינהאבער פון „מאס-ראפאל“ ה׳ קארנגאלד. שנעלע און העפליכע בעדינונג!

„ALA ASCHINGER“ מיטאגן באר 1.75 זל. — מיטאגן 1.75 זל.

30 פיעטריקאווער 30, טעל. 205-91

גיט ארויס געשמאקע און נאהרהאפטע מיטאגען מיט ביר און קאמפאט.

קינא-טעאטער PRZEDWIOŚNIE

זשעראמסקיעגא 74/76.
(רוג קאפערניקא)
צופאהר מיט די טראמוואיען 5, 6, 8, 9, 10.
אנהויב טעגליך 4 נ״מ. שבת און זונטאג 2 בייטאג. לעצטער סעאנס 10 אוו.

היינט און פאלגענדע טעג! גרויסע דראמע, וואס אילוסטרירט די רוסיש-עסטרייכישע בעציהונגען בעת דער מלחמה א.ג.

1) „די פרוי“ אין דער הויפטראלע Norma Talmadge i Gilbert Roland

2) פריילעכער — פארס — „קאהן און קעללי אויף דער מלחמה“

די מוזיק איז גענוי צוגעפאסט צו די בילדער אונטער דער לייטונג פון ה׳ א. טשודנאווסקי. נעקסטער פראגראם: „Messalina“ אין דער הויפטראלע Rina de Liguoro הנחה-קופאנען צו 75 גר. גילטיג אלע טעג חוץ שבת און זונטאג.

קינא-טעאטער BAJKA
רוג בושצושינער, פראנטשישקאנער 31
צופאהר מיט די טראמוואיען 1, 6 און 14.

פערשטארקטער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ לידאווער.
דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט.

היינט און פאלגענדע טעג!
דאס געהיימניש פון א פרוי, אין וועלכער עס לעבט גלייכצייטיג אנ׳אידעאל און טייוועל א. ג.:

מעכטיגער דאפעלטער פראגראם!

„שפיל פון ליידענשאפט“

דראמע, וואס בעהאנדעלט די פראגע וועגען דער בעשולדיגונג, אז „פרויען קענען נישט זיין אונשולדיג“

אין דער הויפטראלע: MARJA CORDA

היינט און פאלגענדע טעג!
דראמע פון פערפאלגטע מענשען אין די בערג א. ג.:

„ווייסער גיהנום“

אנהויב אין געוו. טעג 5 א זייגער נאכמיטאג. — שבת און זונטאג 1 א זייגער בייטאג. —

קינא פריהער פלארא ERA
זאווישא 22 (באלוט)
אנהויב 5 נאכמ. שבת, זונטאג און יום-טוב 1 בייטאג
ספעציעלע צוגעפאסטע מוזיק, אויסגעפיהרט דורך א פערשטארקטן סימפאנ. ארקעסטער
דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט.

היינט איז פאלגענדע טעג!

גרעסטער פילם פון איצטיגען סעזאן!

„זויך אפרוי“ (פון אייביגען לעבענס-בוך)

אין די הויפט-ראלען:

דער פילם אילוסטרירט א ראפינירטע פרוי און אלע איהרע עפאכעס

Lucy Doraine i Alfons Fryland

אויסערדעם: א פרעהליכער פארס א. ג.: „א כלה אויס צופעליגקייט“

היינט און פאלגענדע טעג!

וויכטיג פאר די, וואס הייראטען
און ווילען זיך איינארדנען עלעגאנט און ביליגער ווי איבעראל, ביטע צו בעזוכען מיין

Ch. RECHT Narutowicza 9 w podwórzu מעבעל-ווערקשטאט

וואו איהר בעקומט שטענדיג אויף לאגער פערשידענע פערטיגע מעבעל פון די איינפאכסטע ביז די פיינסטע מיט לאנגיעהריגער גאראנטיע. איך נעהם אן יעדע ארט בעשטעלונגען לויט די נייעסטע מאדעלען. בעמערקונג: נאכ׳ן סעפערירען זיך מיט ה׳ פלאקאוויטש, פיעטריקאווער 145 געפינט זיך מיין ווערקשטאט אויף דעם אויבענאנגעוויזענעם אדרעס.
3322

DR. MED. Haltrecht
ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקה.,
נעמט אן פון 8–10 פריה און פון 6 ביז 8.30, און זונטאג פון 9 ביז 12 בייטאג.
פיעטריקאווער 10
נעמט אן אין לעטשניצע סאניטאס Śródmiejska 8 פון 12³⁰ ביז 1³⁰ נאכמ.

קינא-טעאטער ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און ווייטערע טעג!
גרויסער דאפעלטער שלאגער-פראגראם!

Dr. MASSENA
אין דער הויפטראלע: MICHEL VERBY

א מאן געגען אייגענעם ווילן
די פראכטפולסטע קאמעדיע פון אלע צייטען.
אין דער הויפטראלע: MONTY BANKS

אכטונג, זומער-סעזאן! אנהויב פון די סעאנסען: אין געוו. טעג 5.30 נאכמ. שבת, זונטאג 3 א זייגער בייטאג
דער זאל ווערט מעכאניש ווענטילירט

מעדכען-גימנאזיום „וויעדזא“ „WIEDZA“
פילסודסקיעגא (ווסכאדניא) 62, טעל. 175-38.
איינשרייבונגען פון גיי-איינטרעטענדע שילערינס פאר די קלאסען A, B, C און פון I ביז VIII נעהמט אן דער סעקרעטאריאט טעגליך פון 10–2 און פון 6–7.
דירעקטאר (—) B. JUDELEWICZ
3167

א קעטלערקע
ווערט פון זאפארט געזוכט אויף א 22-גער מאשין ביי זיסע,
קאמיענא 4. 3505

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרוים אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א האספעל-קען און עס פעלט ארויס אין דעם פוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גוטע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר

דאקטאר בראכורטונג בעזאטיגען זיכער דעם שמערצען און געפעהרליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס לייזונגען מיט הייל-גארטעלען און אפאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאטס-פיס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונ-בעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזי-טעטס-פראפעסארען: פראפ. ד״ר בעראנטש, פראפ. דר. י. מאי-רישלער, פראפ. ד״ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין עפענטליכע דאנקבארקייט דעם ה׳ דאקטאר י. ראפאפארט, ארטאפעד, וואוינהאפט אין לאדז וואלטשאנסקא 10, פאר אפערטאטען מיך פאר מיין צוליב שווערע רופטור-קראנקהייטען. דער פערלעגטער באנדאזש פון זיין מטארע פערחים מיך איצט פון רופטור-ווערהטגען. דער ה׳ דאקטער האט נישט אפגעלאזט זיינע האפר אפילו דא-מאלס, ווען אלע האבען שוין געצווייפעלט אין מיין לעבען און פאר די דאזיגע איבערגעגעבענהייט דאנק איך איהם הארציג.

Boruch Mallerman.

אפילו א קינד קען פאטאגראפירן!
די פעראיינפאכטע מאדעלען פון פאטאגראפישע אפאראטען

פון 33 זל. אן
צו בעקומען אין דער פירמע
J. Morgenstern
Piotrkowska 40
tel. 120-63.

די עלעגאנטסטע
דאמען-טאשען וואליזען
אין פערשידענע סארטען צו די ביליגסטע פרייזען
בעקומט מען נור ביי דער בעקאנטער פירמע
L. Herszfinger
לאדז, פילסודסקיעגא 44.
געדענקט די אדרעס! רעיעלע בעהאנדלונג!

דער ערשטקלאסיגער
קונסט-פאטאגראפישער אנשטאלט
„POLONIA“
11 JERZEGO 11
פיהרט אויס די שענסטע קינסטלערישע אויפנאהמען צו די ביליגסטע פרייזען. צו יעדער אויפנאהמע ווערט צוגעגעבען אשפיגעלע מיט דער אייגענער פאטאגראפיע.
מיט אכטונג Zakład Fotograficzny
„POLONIA“
Jerzego 11, wł. Guterman.
בעמערקונג: צופאהר מיט די טראמוואיען 3 און 15.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmer
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.